אונזערע
טעלעפאן נומערס
זענען:
6830
6831
פריוואטע

The Daily Hebrew Journal

דער אידישער זשורנאל

אונזער
אפיס
איז אין
542
דאנדעס וועסט

VOLUME XVIII No 7513 — Wednesday, February 18th, 1931 — יום ד׳, א׳ אדר, פרשה תרומה, תרצ"א. — טאראנטא, מיטוואך דער 18־טער פעברואר, 1931. — PRICE THREE CENTS

N Y Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK N Y

PUBLIC LIBRARY
FEB 21 1931
ASTOR, LENOX AND
TILDEN FOUNDATIONS

שפאנישער קעניג אלפאנזא דערקלערט זיך אלס דיקטאטאר; שטרענגע צענזור אויף פרעסע און טעלעפאן

רעגירונגס־קריזיס צווינגט קעניג צו באנוצען זיך מיט דיקטאטארישער מאכט, אום צו אויפהאלטען זיין קרוין. — ראדיקאלער פיהרער סאנשעז גוערדא קאן ניט פארמירען קאבינעט. — צווייטער ראדיקאל אנטזאגט זיך צו ווערען פרעמיער. — אין לאנד הערשט א שטילקייט פון ערב א שטורם.

מאדריד, פעברואר 17.

דער רעגירונגס קריזיס וואס איז ענטשטאנען, זינט די פריהערדיגע רעגירונג פון דעם דיקטאטאר גענעראל בערענגער האט רעזיגנירט, האט היינט אנגענומען א גאנץ שארפע פארמע. ווען דער קעניג אלפאנזא האט באקאנט געמאכט אז ער ווערט דיקטאטאר, און ער האט גלייך אנגענומען שריט צו "איינשטעלען ארדנונג אין לאנד".

דער נייער קעניג־דיקטאטאר האט גלייך סוספענדירט אלע קאנסטיטוציאנעלע גאראנטיעס און ער האט ארויפגעלייגט א שטארקע צענזור אויף דער גאנצער פרעסע פון לאנד און אויף דער טעלעפאן קאמוניקאציע.

די דערווארטעטע אונרוהען פון די רעפובליקאנער, זענען היינט ניט פארגעקומען אבער עס איז געווען א שטילקייט פון ערב א שטורם.

דער קעניג האט זיך דערזעהן געצוואונגען צו ווערען דיקטאטאר, נאכדעם ווי דער ראדיקאלער פיהרער דזשאז אנטאניא סאנשעז גוערדא, וועמען דער קעניג האט מיט א טאג פריהער גערופען צו פארמירען א נייע רעגירונג האט היינט דערקלעהרט דעם קעניג אז עס איז איהם ניט געלונגען צוזאמענשטעלען א נייעם קאבינעט, צוליעב דעם ווייל די סאציאליסטען און די רעפובליקאנער האבען זיך ענטזאגט צו אריינגעהן מיט איהם אין א קאאליציע. דער קעניג האט באלד נאכדעם גערופען דעם צווייטען ראדיקאלען פיהרער מילקעטארעז אלווארעז צו פארמירען א רעגירונג. אבער דער לעצטער האט זיך פון דעם באלד אפגעזאגט.

ער פאדערט אז די קאנסטיטוציע פון לאנד וועלכע איז צוזאמענגעשטעלט געווארען אין 1876 זאל געענדערט ווערען, און דעם קעניגס מאכט זאל "ארומגעשוירען" ווערען.

דער פיהרער פון דער ליבעראלער פארטיי גראף ראמאנאנעס האט היינט געראטען דעם קעניג אז ער זאל זיך ווידער ווענדען צו גענעראל בערענגער אז ער זאל פארמירען א נייע רעגירונג.

דערווייל אבער הערשט אין לאנד אן ערב שטורם צושטאנד מיט א שטארקער צענזור און א מעגליכען קריעגס־צושטאנד.

קעניג אלפאנסא פון שפאניען

פאניק אין א טעאטער ווען דאך פאלט איין

רוים, פעב. 17.

א פאניק איז היינט ענטשטאנען אין דעם מארגאנא טעאטער ווען דער דאך איז פלוצלונג איינגעפאלען. דאס טעאטער איז פונקט געווען איבערגעפאקט מיט א גרויסען עולם.

איינשטיין לויבט ווייצמאנען; איז געגען א פאליטישער פאלעסטינע

לאס אנדזשעלאס, פעב. 17.

צופרידענהייט איז דא אויסגעדריקט געווארען מיט דר. ווייצמאנ'ס דערגרייכונגען, פון דעם וועלט־באריהמטען אידישען געלערנטען פראפעסאר אלבערט איינשטיין, בעת ער האט אדרעסירט א דינער וואס איז געגעבען געווארען אין זיין כבוד פון דעם לאס־אנדזשעלאס אידענטום.

איבער 100 אידען זענען אנוועזענד געווען אין אמבאסאדאר האטעל, וואו דער דינער איז געגעבען געווארען.

פראפעסאר איינשטיין האט געלויבט די גרינדער פון דעם ציוניזם, דערקלערענדיג אז זיי האבען געוואלט א גייסטיגען צענטער אין פאלעסטינע "צו אויפהאלטען דעם סאלידאריטעט־געפיהל פון דעם אידישען פאלק אין א צייט פון נויט". דערקלערענדיג אז ער וויל ניט קיין פאליטישען צענטער אין פאלעסטינע נאר א קולטורעלען צענטער אין דעם ברייטסטען זינען פון ווארט, האט איינשטיין געזאגט, "וואס מיר טוען פאר פאלעסטינע, טוען מיר פאר'ן גאנצען אידענטום".

פאסאדינא, קאל. פעב. 17.

די ציוויליזאציע האט ניט באוויזען צו "אויסנוצען פראקטיש" די וויסענשאפטליכע דערגרייכונגען פון דער וועלט, האט דא דערקלערט דר. אלבערט איינשטיין, אדרעסירענדיג עטליכע הונדערט סטודענטען פון דעם קאליפארניער טעכנאלאגישען אינסטיטוט.

ניו יארק, פעברואר 17.

דר. אלבערט איינשטיין איז, לויט דער מיינונג פון דר. מאקס טאלמי, אן אקיוליסט, פון 266 וועסט, 113־טע סט. געווען א פעהיגער סטודענט פאר מאטעמאטיקס נאך אין דעם עלטער פון 10 יאהר, בעת ער באזוכט די שולע. דר. טאלמי איז געווען אן איינגעהער צו איינשטיינען אין הויז, נאך מיט 40 יאהר צוריק.

רעוויזיאניסטען באטראכטען וועגען אפרייסען זיך פון ציון פארטיי

פאריז, פעברואר 17 א(יטא).

ביי דער פלענארער פארזאמלונג פון די רעוויזיאניסטען וואס וועט אפגעהאלטען ווערען אין פאריז דעם 21־טען פעברואר וועלען פארהאנדעלט ווערען די פראגען וועגען דער רעוויזיאניסטישער געגנערשאפט צו די רעזולטאטען פון דעם ערשטען טייל פון די פארהאנדלונגען צווישען דער אגענטור און דער בריטישער רעגירונג; וועגען דעם אז די רעוויזיאניסטען זאלען זיך אפרייסען פון דער ציוניסטישער פארטיי און א צאהל אנדערע וויכטיגע פאליטישע פראגען.

ריכארד ליכטהעים, דייטשער, רעוויזיאניסטישער פיהרער, מאיר גראסמאן פון ענגלאנד און מ. סאסקין פון זשנעווא, זענען איצט אויפ'ן וועג קיין פאריז, צו באטייליגען זיך אין דער פלענארער פארזאמלונג.

ראדיקאלע ציוניסטען שליסען זיך אן מיט רעוויזיאניסטען

ווין, פעברואר, 17 א(יטא)

די עסטרייכישע ראדיקאלע ציוניסטען אונטער דער פיהרערשאפט פון דר. ראבערט שטריקער האבען היינט געשטימט צו אנשליסען זיך אן די רעוויזיאניסטען אלס רעזולטאט פון מעקדאנאלד'ס בריעף צו ווייצמאנען.

צוויי אידישע יונגעלייט געפונען שולדיג אין רויבעריי; אורטייל אפגעלייגט

סידני "סאנני" לאס און עלמער געלער, וועלכער איז אויך באקאנט אלס דזשעיק "בעיב" א'ברייען, זענען נעכטען געפונען געווארען שולדיג פון א דזשורי פאר בארויבען אלבערט העטאן א מעסענדזשער איינגעל פון דער דיורעבל וואטערפרואף קא. דעם 19־טען סעפטעמבער 1930.

די דזשורי האט זיך בעראטען בלויז 10 מינוט וועגען דעם ווערדיקט. און האט באלד ארויסגעטראגען דעם ווערדיקט "שולדיג". ריכטער דזשעפרי פון עסייז קאורט האט די צוויי פארמשפטע פארהאלטען ביז דעם סוף פון די אסייזעס (ארום 3 אדער 4 וואכען) ווען ער וועט ארויסטראגען דעם אורטייל.

מרס. לאס, די מוטער פון איינעם פון די פארמשפט'ע האט צוזאמענגעבראכען אין געריכט און מען האט זי געמוזט ארויספיהרען פון דארט. מר. סלאפט קיי. סי. דער פארטיידיגונגס לאיער האט זיך דאן באנוצט מיט דער געלעגענהייט און האט דערקלעהרט אז ער וועט מעהר ניט רופען קיין פארטיידיגונגס עדות. מרס. לאס האט דערקלעהרט אויפ'ן עדות־שטוהל אז איהר זוהן איז ניט געווען אין טאראנטא דעם 19־טען סעפטעמבער. ווען זיין מוטער האט געחלשט האט סידני, ארונטערגעבויגען זיין קאפ און האט ביטער געוויינט.

ביידע פארמשפטע זענען אידישע יונגעלייט.

באנדיטען געכאפט 20 מינוט נאך רויבעריי אין סאבארג

קאבורג, פעב. 17.

20 מינוטען נאכדעם ווי די דאמיניאן באנק איז בארויבט געווארען אויף איבער דריי טויזענט דאלאר, זענען דריי יונגע באנדיטען געכאפט געווארען, און דאס גאנצע געלט איז ביי זיי צוגענומען געווארען. די באנדיטען זענען געכאפט געווארען פון 2 באנק־קלוירקס, וועמען עס איז געלונגען צו ארויסקריכען פון דער אייזערנער קאסע אין וועלכער זיי זענען איינגעשפארט געווארען.

די דריי באנדיטען וועלכע זיצען שוין איצט איינגעשפארט זענען: העראלד בלאטשארד, 18 יאר אלט, פון מאנטרעאל; לעאנארד פארעסט, 21 יאר, פון ווינדזאר, און וואלטער קליפארד, פון דעם קעיפ־בריטאן איילענד.

די צוויי באנק אנגעשטעלטע וועלען באקומען א גאנץ באדייטענדע באלוינונג פון די באנק־באאמטע פאר זייער געוואגטען טהאט. זיי זענען: ג. א. סמיט און דזשימס פארבס.

געריכט ענטשיידעט, אז קאטוילישע קירך קאן ניט אנולירען א הייראט

מאנטרעאל, פעברואר 17.

ריכטער לאקרוא, האט היינט געמשפט אז די הייראט פון צוויי קאטוילישע יונגעלייט וועלכע ווערט דורכגעפיהרט פון א פראטעסטאנטישען גייסטליכען איז גילטיג, און ער האט פאר'משפט אלפאנזע סימארד, א קאטוילישער יונגערמאן, אויף 40 טעג אין דזשייל אויף א קלאגע פון ביגאמי.

מיט דער דאזיגער ענטשיידונג איז געלייזט געווארען א וויכטיגער פראבלעם אין קוויבעקער פראווינץ. לויט דער קאטוילישער רעליגיע איז א הייראט פון צוויי קאטוילישע יונגעלייט ניט גילטיג סיידען זי ווערט דורכגעפיהרט פון א קאטוילישען גייסטליכען. סימארד האט אין 1924 געהייראט מיט מערי סעוואי, דורך א פראטעסטאנטישען גייסטליכען. און מיט עטליכע יאהר שפעטער האט ער געפועלט אז די קאטוילישע קירך זאל אנולירען זיין הייראט, אויפ'ן גרונט וואס די הייראטס צערעמאניע איז דורכגעפיהרט געווארען פון ניט קיין קאטוילישען גייסטליכען.

דערנאך האט ער געהייראט א צווייטען מאל. פון א גזעצליכען שטאנדפונקט איז זיין ערשטע הייראט געווען גילטיג ווייל ער האט ניט ארויסגעקראגען קיין גזעצליכען גט פון זיין ערשטער פרוי, און ער איז דעריבער אנגעקלאגט געווארען פאר ביגאמי. די קאטוילישע קירך האט געטענה'ט אז סימארד איז ניט שולדיג, ווייל זיין הייראט איז פון דער קירך אנולירט געווארען. אבער ריכטער לאקרוא לאקרוא האט היינט געדענקט אנדערש, און האט סימארד'ן געפונען שולדיג און איהם פארמשפט.

פאלעסטינע פארהאנדלונגען וועלען ניט געפירט ווערען דירעקט מיט רעגירונג

לאנדאן, פעברואר 17 (איטא).

לויט ווי די אידישע טעלעגראפען אגענטור האט זיך היינט דערוואוסט פון פארלעסליכע קוועלען וועלען די פארהאנדלונגען פון דעם צווייטען טייל ניט אנגעפיהרט ווערען צווישען דער אידישער אגענטור און דעם בריטישען קאבינעט, נאר צווישען דער אגענטור און בעאמטע פון דעם סיוויל סורוויס דעפארטמענט.

דאס פלאן פון דעם סוב־קאמיטעט פון דעם בריטישען קאבינעט וועלכער האט אנגעפיהרט די ביז־איצטיגע פארהאנדלונגען מיט דער אגענטור, וועט פארנומען ווערען פון סער דזשאהן שאקבארא, וועלכער איז דער פערמאנענטער אונטער־סעקרעטאר פון דעם קאלאניאלען אפיס. עס וועלען זיך אויך באטייליגען די אונטער־סעקרעטארען פון דעם אויסערן דעפארטמענט און פון דעם פינאנץ רעפארטמענט.

מאלקאלם מעקדאנאלד און לארד ערוואקעיט עיטקינסאן וועלכע האבען זיך באטייליגט אין דעם ערשטען טייל פון די פארהאנדלונגען וועלען זיך אויך באטייליגען אין דעם צווייטען טייל, פארנעהמענדיג דאס פלאץ ווי פארמיטלער צווישען דער רעגירונג און דער איצטיגער קאמיטע.

אזוי ארום וועט די אידישע אגענטור מעהר ניט האבען, די געלעגענהייט צו פארהאנדלען דירעקט מיט'ן קאבינעט.

גאנדהי צופרידען פון קאנפערענץ מיט וויצע קעניג

ניו־דעלהי, פעב. 17.

נאכדעם ווי ער האט אפגעהאלטען א קאנפערענץ מיט'ן וויצע־קעניג, לארד אירווין, וועלכע האט געדויערט איבער פיער שעה, האט מאהאטמא גאנדהי, דער נאציאנאליסטישער פיהרער, זיך דערקלעהרט העכסט צופרידען מיט די רעזולטאטען וואס זענען דערגרייכט געווארען ביי דער קאנפערענץ.

ער האט דערקלערט, אז ער וועט האבען א צווייטע קאנפערענץ מיט'ן וויצע־קעניג מארגען (היינט). וועגען וואס זיי האבען גערעדט אדער זיי וועלען ריידען מארגען, האט ער ניט געוואלט אנדייטען. מען פארשטעהט אבער, אז פון דעם אויסגאנג פון דער קאנפערענץ הענגט אפ דער צוקונפטיגער שלום אין אינדיע.

ארגאניזאציע נעגרינדעט אויפ'ן נאמען פון וויקטאר בערגער

וואשינגטאן, פעברואר 17.

דער באריהמטער ראדיקאלער קרימינאל לאיער דעראו האט איינגעשטימט צו אננעהמען דעם אמט אלס פארזיצער פון דער ניי־געגרינדעטער סאציאליסטישער וויקטאר בערגער ארגאניזאציע.

די דאזיגע ארגאניזאציע וועלכע איז געגרינדעט געווארען אויפ'ן נאמען פון דעם סאציאליסטישען קאנגרעסמאן וויקטאר בערגער, האט זיך געשטעלט אלס איהר אויפגאבע צו שאפען א פאנד כדי צו קענען קעמפען געגען דעם פארבאט פון פרייע פרעסע אין די פאראייניגטע שטאאטען.

אין דער ארגאניזאציע זענען אריינגעצויגען געווארען די ליבעראלסטע פערזענליכקייטען פון די פאראייניגטע שטאאטען.

פאדערט אויף רעגירונג צו העלפען אנטעריא פארמערס

א פאדערונג פון וו. ע. נ. סינקלעיר, קיי.סי., אז אלע פארטייען אין דער אנטעריא לעדזשיסלייטשור זאלען אויפגעבען דערווייל זייערע פאליטישע מאנעווערס, און אז די איצטיגע סעסיע זאל געווידמעט ווערען פולשטענדיג צו העלפען די פארמערס פון דער פראווינץ, איז היינט געווען דער הויפט פיטשור אין פראווינציעלען פארלאמענט.

סינקלעיר איז דער פיהרער פון דער ליבעראלער גרופע אין דער לעדזשיסלייטשור, און די קאנסערוואטיווען האבען איהם שטארק אפלאדירט פאר דער דאזיגער ברייטהארציגער פאדערונג.

וויניפעגער סטרייק ווערט ערנסטער

וויניפעג, פעב. 17.

א צאהל פרישע ארעסטען זענען היינט ווידער געמאכט געווארען פון די סטרייקענדע קלאוקמאכער. צווישען די ארעסטירטע איז אויך פאראן איזידאר מינסטער, דער ארגאנייזער, און א צאהל אנדערע.

די פאליציי באטראכט דעם סטרייק אלס א קאמוניסטישע מאנעוורע, און זי איז דעריבער אזוי פארביטערט געגען די סטרייקערס.

שלום־צווישען אידען און אראבער איז איצט אונמעגליך

פארזיצער פון אראבישער עקזעקוטיווע זאגט, אז נייער פאלעסטינע דאקומענט האט געמאכט אונמעגליך פאר א פארשטענדיגונג צווישען אידען און אראבער. — סטראשען ווידער צו באיקאטירען אידישע פראדוקטען אין א"י.

ירושלים, פעב. 17.

דער פארזיצער פון דער אראבישער עקזעקוטיווע האט אין א בריעף וואס איז אדרעסירט געווארען היינט צום הויכקאמישאנער, לארד טשענסלאר, דערקלעהרט, אז פרעמיער רעמזי מעקדאנאלד'ס לעצטער דאקומענט וועלכער מאכט אוועק מיט'ן "ווייסען פאפיער", מאכט אונמעגליך וועלכע עס איז פארשטענדיגונג צווישען די אידען און די אראבער.

ירושלים, פעב. 17, (איטא).

עס איז היינט באקאנט געווארען, אז ווען די אראבישע עקזעקוטיווע האט זיך נעכטען געזעהן מיט'ן הויכקאמיסאנער האט מושא קאזים פאשא, דער פארזיצער פון דער עקזעקוטיווע, אפען געווארנט דעם הויכקאמישאנער, אז דערפאר וואס די בריטישע רעגירונג האט אנערקענט דאס אידישע רעכט צו באשעפטיגען אויסשליסליך אידישע ארבייטער, וועלען די אראבער דערקלעהרען א באיקאט אויף אידישע פראדוקטען.

די דעלעגאציע האט זיך באקלאגט, אז דעם פרעמיער'ס נייער דאקומענט ווידערשפרעכט איינגאנצען דעם "ווייסען פאפיער", און שאפט א נייע פאליסי; איגנארירט אויך די פאליטישע רעכט פון דער אראבישער עקזעקוטיווע; קאנצענטרירט דעם ציוויליען און עקאנאמישען סטאטוס צום גונסטען דער אידישער נאציאנאלער היים אויסשליסליך, און היטעט גוט די פאדערונג פון די אידישע ארבעטער צו באקומען א גלייכען טייל אין עפענטליכע ארבייטען.

גאווערנאר דזשענעראל פון ניו זעעלאנד בעט מ'זאל איהם שניידען די ווידזשעס

וועלינגטאן, נ. ז., פעב. 17.

לארד בלעדיסלא, דער גאווערנאר־דזשענעראל פון ניו זעעלאנד, האט היינט פארלאנגט, אז זיין אפיציעלער געהאלט זאל פארקלענערט ווערען מיט 10 פראצענט. דעם גאווערנאר־דזשענעראל'ס יערליכער געהאלט באטרעפט 37 טויזענט מיט 500 דאלאר א יאר.

מלחמה - וועטעראנען ניט צופרידען מיט פארקלענערטע פענסיעס

די טאראנטאר אפטיילונג פון די געוועזענע מלחמה־וועטעראנען האט היינט אפגעשיקט א שארפען פראטעסט צו מיניסטער אף נייעשאנעל העלט ענד פענשאנס אין אטאווא, פאר זיין באשלוס צו פארקלענערען די פענסיעס פאר די קאנאדער פענסיאנערען.

עס ווערט דערווארט אז ענליכע פראטעסטען זאלען אנהויבען אריינשטראמען פון אלע מלחמה־וועטעראנען פון לאנד, און פרעמיער בענעט וועט אפשר צוריקציהען דעם באשלוס און וועט ניט שניידען די וועטעראנען־פענסיעס.

פאדערט אויף קאנאדער רעגירונג צו באקעמפען קאמוניסטישע געפאר

קוויבעק, פעב. 17.

א פארשלאג אז די פראווינץ קוויבעק זאל פארלאנגען פון דער פעדעראלער רעגירונג א באלדיגע אקציע צו באפרייען קאנאדע פון דער "קאמוניסטישער געפאהר", איז היינט געמאכט געווארען פון האנ. פרענק קארדעל אין דעם לעגיסלאטיווען ראט פון דער קוויבעקער לעדזשיסלייטשור. ער האט פארגעשלאגען, אז די רעגירונג זאל אננעהמען ענערגישע שריט צו מאכען א סוף צו דער קאמוניסטישער פראפאגאנדע אין לאנד.

האנ. קארדעל האט זיך גאנץ באזונדערס אפגעשטעלט אויף דעם פאקט וואס רוסלאנד עקספארטירט מאסען רויע ארטיקלען באנוצענדיג זיך מיט געצוואונגענער ארבייט און ארעסטאנטען־ארבייט — צוליעב וואס רוסלאנד קאן פארקויפען אלעם אונטער קאסט־פרייז.

ער האט אנגעוויזען אויף דער האנדלונג פון די פאראייניגטע שטאטען צו אפשטעלען דעם רוסישען געהילץ־אימפארט, און ער האט געפאדערט אז קאנאדע, ווי אויך די איבעריגע אינדוסטריעלע פעלקער זאלען נאכטאן דעם ראזוגען ביישפיעל.

"רוסלאנד האט היינט 600 טויזענט אגענטען וועלכע פאהרען ארום איבער דער וועלט צו פארשפרייטען די פארניכטענדע קאמוניסטישע תורה", האט ער געזאגט. "אונטער דעם אויסרייד פון "טויט צום קאפיטאליזם", האט גאר רוסלאנד א סיסטעם וועלכער איז אין דער ווירקליכקייט "טויט צום ארבייטער"", האט ער ווייטער געזאגט, און ער האט געפאדערט אז קאנאדע זאל מעהר ניט אפלייגען צו נעהמען א געהעריגע שטעלונג געגען רוסישען אימפארט און געגען דער קאמוניסטישער אקטיוויטעט אין לאנד גופא.

פוילישע סאציאליסטען קריגען א יאהר טורמע

ווארשע, פעב. 17.

א יאהר געפענגעניש, דאס איז געווען דער אורטייל וואס איז ארויסגעטראגען געווארען אין ווארשאווער געריכט אויף דריי מיטגלידער פון דער סאציאליסטישער פארטיי, וועלכע זענען באשולדיגט געווארען אין פלאנעווען א פארשווערונג צו טויטען פילסודסקי'ן אין פארלויף פון די לעצטע לאנד־וואהלען. צוויי אנדערע זענען אויף ענליכע קלאגען באפרייט געווארען.

די פארטיידיגונג האט באוויזען, אז די קלאגע איז ניט מעהר ווי א בלבול, בעת די אנקלאגע האט באוויזען אז די אנגעקלאגטע האבען ווירקליך געוואלט טויטען פילסודסקי'ן.

שטיינבערג פילט זיך נערוויז און זעהר דערשלאגען אין טויטען־צעל

נאך די ערשטע טעליכע נעכט וואס ער איז געשלאפען רוהיג און האט, ווי עס האט זיך אויסגעוויזען, זיך אפגעגעבען פולשטענדיג צום שיקזאל, איז אברהם שטיינבערג ווידער זעהר נערוועז און דערשלאגען, און לעבט איבער די שרעקליכסטע שמערצען שטילערהייט. ער געפינט זיך טאג און נאכט אונטער א שווערער וואך אין זיין טויטען־צעל, וואו ער זיצט איינגעשפארט אין דאן דזשייל, אבער ער רעדט מיט קיינעם ניט אויס א ווארט.

אויסער זיין משפחה און דער קריסטליכער גייסטליכער א. סי. רייוועס, וועלכער איז דער דזשייל גלח, איז נאך קיינער ניט געקומען צו איהם אויף א באזוך. קיין רב האט איהם נאך ניט באזוכט די גאנצע צייט וואס ער געפינט זיך אין טויטען־צעל.

שטיינבערג, פונקט ווי אלע אנדערע פאר'משפט'ע מערדער־פארברעכער איז בארעכטיגט צו א ספעציעלען גוטען מאהלצייט יעדען טאג, אויב ער פארלאנגט עס, אבער שטיינבערג האט זיך פון דער דאזיגער פריווילעגיע קאטעגאריש אנטזאגט, און ער עסט דעם געוועהנליכען מאלצייט וואס מען גיט צו אלע אידישע ארעסטאנטען.

שטיינבערג איז דער טאראנטאר איד וואס איז פון א דזשורי געפונען געווארען שולדיג אויף דער קלאגע פאר דערמארדען זיין פלימעניק און שותף סעמועל גאלדבערג. ריכטער דזשעפרי וועט ארויסטראגען זיין אורטייל איבער איהם ביים סוף פון די אסייזעס, אין אן ערך עטליכע וואכען ארום.

דאס גרויסע פייער

בעארבייט און אידיש לויט דעם באריהמטען ראמאן

— פון —

טשארלס דיקענס
"בארנבי ראדוש".

(פארזעצונג)

ער איז צוגעגאנגען צום שלאפענדען און האט אויפמערקזאם באטראכט זיין געזיכט. דערנאך האט ער ארויסגעשעפטשעט דער אלמנה אין אויער:

— זיי וויסען, אז דורך איהם, וואס פון זיין עקזיסטענץ האב איך ביז היינט גארנישט געוואוסט, האב איך דיך אין האנט. וויים, ווי אזוי זיך מיט מיר צו באגעהן. וניים, ווי אזוי זיך מיט מיר צו באגעהן, זאג איך. איך בין נויטבאדערפטיג, איך שטארב פון הונגער און בין נע־ונד איבער דער ערד. איך קאן נעהמען א זיכערע, לאנגזאמע נקמה.

— אין דיינע ווערטער שטעקט עפעס א שרעקליכער מיין, איך פארשטעה איהם נישט.

— פאראן אין זיי א מיין, און דו פארשטעהסט איהם אויסגעצייכענט. דו האסט דערפאר מורא געהאט יאהרען־לאנג, האסט מיר אליין געזאגט, צוקיי עס נאר גוט. פארגעס נישט מיין התראה.

ער איז פארשוואונדען. די אלמנה איז געפאלען אויף די קניה.

— א, גאט! — האט זי אויסגעשריען — האסט איינגעפלאנצט אין מיר אזא טיעפע ליעבע צום לעצטען זכר פון גליק, וואס זיין חולאת אפילו ברייננט מיר טרייסט, ווייל ער איז שטענדיג בארמהערציג און נויטיגט זיך אין מיר ווי א קליין קינד. — באשיץ איהם, העלף איהם אויף זיין פארטונקעלטען וועג דורך אט דער טרויעריגער וועלט, אייב נישט איז ער פארלוירען, און מיין הארץ — געבראכען!...

אז דער פרעמדער איז ארויס פון דער אלמנה'ס הויז, האט ער זיך לאנג ארומגעשלעפט איבער די פינסטערע גאסען, זוכענדיג פאר זיך א ווינקעלע, וואו איבערצושלאפען די נאכט. ענדליך איז ער פארקראכען אין עפעס א הויף אין דער מינוט, ווען דארט האט זיך געעפענט א טיר פון א קעלער און א מענש מיט א ליכט אין האנט האט צוגעלייכט א צווייטען ביים ארויסגאנג.

— גוט־נאכט, בראווער קאפיטאן — האט דער מענש מיט'ן ליכט געזאגט. — געהט געזונט, גלענצענדער גענעראל! גריסט מיגס'ן פון מיינעטוועגען. כא־כא! מיין קאפיטאן קוקט העכער פון עפעס א מיגס דארטען. מיין קאפיטאן איז אן אדלער. אך, זיינע שלאנקע פיס! זאל א מיגס זיך דערוועגען וועגען זיי צו טרוימען! ניין, און טויזענט מאל ניין. מיר וועלען הייראטען הויכע ליידים, באריהמטע שעהנהייטען!

— איך וועל דיך בעטען, סטעג, האט מיסטער טעפערטיט געזאגט, באפרייענדיג זיינע פיס פון'ם בלינדען'ס הענט. — נישט ערלויבען זיך צו זיין מיט מיר א גאנצער שמעלקע און נישט צו באריהרען געוויסע זאכען, אזוי לאנג מען פרעגט דיך נישט. דו הערסט?

— איך הער אײדעלער קאפיטאן.

— פאלג־זשע וואס מען הייסט דיר!

— האט מיסטער טעפערטיט שטאלץ געזאגט. — דזשענטעלמען, פארווערטס!

מיט דעם דאזיגען באפעהל צו א סוויטע, וועלכע ער האט זיך פארגעשטעלט אין זיין פאנטאזיע, איז אונזער באקאנטער שלאסער לעהרלינג אוועקגעגאנגען.

דער אונבאקאנטער האט זיך דאן געווענדעט צום בלינדען און געבעטען א נאכט־לאגער. יענער האט איינגעשטימט איהם אריינצולאזען ערשט דאן, ווען ער האט זיך איבערצייגט, אז ער האט מיט וואס צו באצאלען.

וועהרענד דער פרעמדער איז געשלאפען אין שיינק אויפ'ן באנק און האט זיך אומרוהיג געווארפען פון שלאף און פון צייט צו צייט עפעס געמורמעלט, איז דער בלינדער געזעסען און זיך צוגעהערט צום שלאף פון דער דאזיגער אומרוהיגער נשמה און האט אנגעהויבען זיך צו אנשטויסען, מיט וועמען ער האט צו טאן.

פאר דער נסיעה

דאלי ווארדען'ס שעהן קעפעל איז נאך געווען פול פון זכרונות פון'ם באל און איהרע ליכטיגע אויגען — פארבלענדט פון די פארשיעדענע בילדער, וואס האבען געטאנצט פאר זיי, ווי שמעטערלינגען אין די שטראלען פון דער זון. א באזונדערען פלאץ צווישען די דאזיגע בילדער האט פארנומען די פיגור פון א יונגען וואגנער־מאכער, א מייסטער פאר זיך, וועלכער האט איהר געגעבען צו פארשטעהן, באגלייטענדיג זי צום טראג־שטול, אז פון היינט אן האט ער בדעה צו פארנאכלעסיגען זיין באשעפטיגונג און שטארבען א לאנגזאמען טויט אויס ליעבע צו איהר.

דריי טעג זענען שוין אוועק פון יענעם באל, און דאך איז נאך דאלי געווען א היבש ביסעל צומישט פון די אלע זכרונות, און זיצענדיג איבער איהר טיי אין א געוויסען פריהמארגען, האט זי געקוקט אין איהר גלאז און געזעהן דארט פארשיעדענע גליקען, — ווען אין דער טיר פון ווערק־צימער האט זיך באוויזען די פיגור פון'ם יונגען עדווארד טשעסטער, וועלכע האט זיך אפגעצייכענט צווישען די פארראסטעטע שליסלען, שלעסער און שטיקלאך געצייג, ווי די געשטאלט פון דער ליעבע צווישען רויזען. דער דאנק פאר'ן לעצטען פארגלייך קומט נישט דעם מחבר, נאר דער צנועה'דיגער, באשיידענער מיגס, וועלכע האט איהם ערפונדען, דערזעהענדיג דעם יונגען מענשען פון די שטיגען, וואס זי האט גראד דאמאלסט געוואשען.

גאבריעל האט דעם גאסט נישט באמערקט, זייענדיג אין יענעם אויגענבליק פארנומען מיט "טאבי'ן", מיט די אויגען צום הימעל און דעם קאפ פארווארפען וויט ארויף־צו. די ערשטע האט איהם דערזעהן מיסעס ווארדען. זי האט געהייסען סים'ן עפענען די טיר פאר'ן גאסט, און אזוי ווי זי האט געקאנט שעפען דעם שעהנסטען מוסר־השכל פון דער קלײנסטער קלייניגקייט, האט זי גלייך גענומען דרשענען, אז טרינקען ביער אין דער פריה, איז א מיאוס'ע, אנטי־רעליגיעזע, געצענדינערישע געוואוינהייט, וואס פאסט פאר א חזיר, פאר א שר אדער וועניגסטענס פאר פאפיסטען, נישט פאר גאטספארכטיגע פרומע מענשען. זי וואלט נאך גערעדט ווער ווייסט ווי לאנג און ווי וויט, נאר אזוי ווי דער יונגערמאן איז געשטאנען אין פארלעגענהייט די גאנצע צייט, וואס זי האט איהר זווג גע'מוסר'ט, האט זי זיך געפונען געצוואונגען צו מאכען דערוויל א סוף הדרשון.

(ווערט פארגעזעצט)

הרב ריזענמאן'ס

אדרעס איז

145 סיטאן סט.

(קארנער דאנדעס סטריט איסט)

טעלעפאן עלגין 8064

נעהמט אן דין תורות, ארביטריישאנס, און מסדר קדושין. אויך אלע רבנישע אנגעלעגענהייטען.

לאמיר עפעס קויפען

אויב איר ווילט אז ארבייטער זאלען האבען ארבייט;
אויב איר ווילט אז ביזנעסלייט זאלען האבען קונים -

לאמיר עפעס קויפען!

עס מאכט נישט קיין אונטערשיעד וואס: קויפט א העט, קויפט א סוט, קויפט א פאר שיך, קויפט א פאר זאקען, קויפט פוירניטשור, קויפט א ראדיא, קויפט אן אויטאמאביל, קויפט א לאמפ — עס מאכט נישט אויס וואס — קויפט עפעס! וואס איהר וועט נאר קויפען, וועלען ארבייטער דאס דארפען מאכען — וועלען ארבייטער האבען ארבייט . . . און וועלען קריגען ווידזשעס . . . און זיי וועלען מיט זייערע ווידזשעס קענען קויפען דאס וואס איהר מאכט אדער וואס איהר פארקויפט.

לאמיר עפעס קויפען! און קויפט עפעס היינט!
קויפט עפעס מארגען! קויפט עפעס איבערמארגען!

אין וואס ביזנעס נויטיגט זיך איצט איז אין קאסטאמער -- און אסך קאסטאמער!

קויפט ביי די, וועלכע אדווערטייזען אין "זשורנאל" — טאראנטא'ס איינציגע אידישע צייטונג.

דער אידישער קאמפאזיטאר יוסף רומשינסקי

(פארזעצונג פון זייט 5)

דער דאזיגער קאנצערט וועט בלייבען אונפארגעסליך אין דער געשיכטע פון חזנות אין אמעריקע.

ביי דער געלעגענהייט איז כדאי צו באמערקען, אז מיר האבען אין אמעריקע און קענעדע די גרעסטע חזנים, און אז דער בעל תפלה פון פאריגען דור איז בלי ספק געווען וועניגער מוזיקאליש ווי די איצטיגע. אמת, אז מיר האבען מאנכע חזנים וואס זייער שטימע איז טריף ווי חזיר, אבער אין דערזעלבער צייט איז זי זיס ווי צוקער. דער קלענסטער חזן איז איצט א מנגן, און וואו ניט וואו דערהערט איהר א אידישען זיפץ און קרעכץ, וואס מאהלט פאר אייך הערליכע בילדער פון דער אלטער גוטער צייט.

ביים חזנים קאנצערט האבען מיר בולט געזעהען, אז מיר אידען האבען גרויסע חזנים, נאר עס פעהלט זיי א רומשינסקי, וואס זאל זיי אויפלעבען און דערהויבען צו א גייסטיגער קינסטלערישער אטמאספערע.

רומשינסקי איז דאריבער א גרויסער געווינס ניט נאר פאר'ן טעאטער נאר אויך פאר די חזנים און אויב חזנות שטעהט ניט אויף דעם הויך, ווי עס דארף צו שטעהן, איז עס ניט זייער שולד. — פשוט די היינטיגע אידען אין אמעריקע האבען איבערהויפט פארלוירען דעם חוש פון באגייסטערונג. מיר האבען דא אזויפיעל דורכגעמאכט, אזויפיעל טאג־טעגליכע וואונדער געזעהען, אז מיר קענען פשוט מעהר ניט איבעראשט ווערען. די גרויסע ענדערונג איז אין אמת'ן ניט פארגעקומען אין חזן, נאר אין עולם. עס פעהלט זיי דער אמאליגער ברען, דער הונגער נאך חזנות, און זיי האבען פשוט ניט דעם אמאליגען התפעלות. חזנים פונקט ווי אקטיארען מוזען האבען פאטריאטען — חסידים, און אזוי ווי די מעהרסטע חזנים האלטען ניט פון זייער איינענער קונסט, האט דאס דער עולם אינסטינקטיוו דערשפירט.

עס איז דאריבער נויטיג, אז די חזנים זאלען פון צייט צו צייט מאכען א שטיקעל יום־טוב, און קיין בעסערען מענש ווי רומשינסקי אריינצוטראגען קדושה אין זייערע רייהען קענען זיי זיך ניט ווינשען. רומשינסקי דארף דערמונטערט ווערען גראד פון מבינים, און די חזנים האבען דאריבער געמאכט א גוטען אויסוואהל.

איצט ווען רומשינסקי איז 50 יאהר אלט געווארען, איז די העכסטע צייט, אז מיר זאלען איהם צודריקען צו אונזער הארץ און איהם ווינשען פיעלע פרוכטבארע יאהרען פון גרויסער און ניצליכער אידישער שאפונג פאר'ן אידישען טעאטער און פאר די חזנים.

* * *

זאלען מיר אננעהמען, אז דער 50 יעהריגער געבורטסטאג פון אונזער יוסף רומשינסקי וועט פארבייגעהן אזוי שטיל? וואלט־ניט כדאי געווען אויסצונוצען די געלעגענהייט אויפצולעבען דאס אידישע טעאטער און חזנות? איז דען מעגליך, אז די טויזענטער אידישע פאמיליעס, וואס זינגען רומשינסקי'ס ליעדער, ווילען ניט באגריסען דעם גרויסען אידישען קינסטלער? — מיר גלויבען, אז ניט. — מיר האלטען, אז דורך רומשינסקי'ס געבורטסטאג־פייערונג קען מען אריינברענגען א יום־טוב שטימונג אין דער אידישער קונסט וועלט.

אקאונטענט־בוקקיפער

12 יאהר עקספיריענס וועט פיהרען אייערע ביכער, טייל־צייט אדער אודיטען זיי. פרייזען פון 5 דאלאר מאנאטליך און העכער.

א. א. גאלדענבערג

75 האמוואוד דרייוו.
הילקרעסט W 7504

פייפער הענגינג און פיינטינג

איך מאך די בעסטע דזשאבס אין פיינטינג און פייפערהענגינג, גוט און ביליג, בעסטע צופרידענהייט. טעלעפאנירט גלייך טריניטי W 7304.

ם. קירשענבוים, 30 קאר סטריט.

קארפענטעריי

פרייזע עסטימייטס געגעבען אויף דזשענעראל קאנטראקטינג און פארשיעדענע קארפענטער ארבייט, ווי מאדערנע סטארפראנטס, גאראדזשעס, פרענטש טיהרען, הארדוואוד פלארינג א. ז. וו. אויך שטעלען מיר איין שעפער און אפיסעס אין אלע טריידס צו מעסיגע פרייזען. צופרידענהייט גאראנטירט.

אויך מאכען מיר ארבייט אויסער שטאדט.

מאדערן בילדערס קאמפאני
7 דאס סטריט
טעלעפאן טריניטי 9025.

צו פארקויפען

צו פארקויפען אלערליי שעהנסטע גוירלס קאוטס, סייזעס פון 3 ביז 12 יאהר.

פאר בארגיינס קומט אין 591 דאנדעס סטריט וועסט. מר. פינקעל.

2870-3-10

איבערצונעבען א לאנטש רום פאר 150 דאלאר. פרעגען 397 ספעדיינע עוו.

2920-2-18

צו פארקויפען א דיימאנד רינג פון א קערעט און א האלב, אויך אנדערע דיימאנדס. גרויסע בארגיינס פרעגען פרידמאן, טריניטי M 0766.

2933-2-19

אלטערייששאנס — הייזער איבערגעבויט אין אפארטמענטס א. א. וו. סטארס איבערגעמאכט, ארכיטעקט פלענער באזארגט. עסטימייטס צוגעשטעלט. קאנסטראקשאן ענד ריעלטי לימיטעד 68 קינג סטריט איסט. ערדלייד 2969.

198-2-28

חזן כ. וולאדאווסקי

היגיעניש געשולטער סוירדזשען

מוהל

— אויך —

מאדערנער מסדר קדושין

סירוויסעס אין ענגליש

עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט, ווייל דאס איז דער בענעפיט פון זייערע קינדער

קאנטרי לייט קענען מיך אויך רופען צו זייערע שמחות. איך וועל קיינעם ניט ענטזאגען צו קומען.

וואוינונג 62 בראנזוויק עוועניו.
טעלעפאן קינגסדייל 8832.
ארימע אומזיסט.

טאקסידאס
צו פארענטען

צו א נייעם נידריגען פרייז פון

$2.00

פולשטענדיגע אוטפיטס און אנדערע פארמעלע אויסשטאטונג — דער פיינסטער סטאק פון זאכען אין שטאדט צו פארענטען. — מיר פארזיכערן אייך פולשטענדיגע צופרידענהייט.

VARSITY
Cleaners & Dyers
519 יאנג סטריט
(ביי מייטלענד)
טעלעפאן קינגסדייל 6280.
אפען אין די אווענטען ביז 8.30.

ליידט איהר פון עקזימא, רינגווארם, סארייעסעס, אנדערע שלעכטע הויט־קראנקהייט, איהר האט אלעס געטאן, און עס האט ניט געהאלפען, דאן נוצט

קאנגא סעוו

דער נייער מעדיצינישער זאלב, וואס טוט אויף וואונדער. מאכט די לייב קלאר, צארט און ריין ווי ניי־געבארען.

פרייז 1 דאלאר

ביי יעצטיגע שלעכטע וועטערס, ווען מענשען ליידען פון קאלדס ספעציעל די וואס האבען כראנישען רהומאטיזם איז דאס בעסטע זיך אריינרייבען מיט

קאנגא לינימענט

פרייז פון א באטעל 50 סענט

האלט אזא באטעל אימער אין הויז. ביידע קאנגא מעדיצינען צו באקומען

ביי סינגער ברידער (דראגיסטען)
26 קווין איסט. עלגין 7512

SINGER BROS., DRUGGISTS
26 Queen St. E. Elgin 7512

מיר דעליווערען און שיקען אויך ביי מעיל, פאסטיידזש פריי.

צו פארענטען

צו פארענטען א פארנישד רום אין אן אפארטמענט. פרעגען 68 גרענדוש עוו. אפט. 18.

2917-2-18

צו פארענטען א פלעט פון 4 רומס אלע קאנוויניענס הארדוואוד פלארס, סינק אין קיטשען, מעסיגע רענט, פרעגען 14 שענאן סטריט. לאידברוק 2377.

2914-2-18

צו פארענטען א פלעט פון 2 אדער 3 רומס אלע קאנוויניענס, ניי דעקארירט, סינק אין קיטשען, פרעגען 34 סיסעל סט. טריניטי 9475.

2924-2-18

צו פארענטען א סטאר מיט אן אפארטמענט. פרעגען 430 ספעדיינא עוועניו, טריניטי 0382.

2936-2-22

צו פארענטען 2 אדער דריי רומס מיט אדער אהן גאראדזש. אלע קאנוויניענס, ליידיג דעם ערשטען מארטש. טעלעפאנירט לאמבארד 8335 נאך 6 אווענטען.

2935-2-19

צו פארענטען אן אפארטמענט פון 5 רומס אנטקעגען גרענדוש פארק, דזשעניטאר סערוויס, טעלעפאן ערדלייד 3720 פאר 5 א זייגער.

2930-2-18

צו פארענטען א שעהנע פארנישד רום פאסיג פאר 1 אדער 2 דזשענטעלמען. פרעגען טריניטי W 4838.

2931-2-24

אנטעריא עלעקטריק

אויב איהר דארפט ווייערען אייער סטאר, הויז אדער פעקטארי. מיר נעהמען אן דזשאבס אין עלעקטריק רעפעירס און ראדיא סוירוויס.

טעלעפאנירט לאמבארד 3809. — 973 בלור סטריט וועסט.

288-3-13

פאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפאני

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
N.Y. WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז פעקטארי אפיס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די כילינסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך, און יעהרליך. 422 בעי סטריט. טעלעפאן עדלייד 8087 נאך 7 אווענטען טריניטי M 6520

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
422 BAY ST

רעוו. פ. דאלגאף

דער באריהמטער

מוהל

ספעציאליסט

אנערקענט אין אלע האספיטעלער פון אלע דאקטוירים

413 Dovercourt Road
TELEPHONES:
Lom. 1220 Tr. 7830j El. 3086

שפייז פעקלאך
אייערע קרובים
אין רוסלאנד

הפיץ האט אראנזשירט אין יוראפ פארבינדונגען צוזשטעלען זיכער שנעל און ביליג שפייז פעקלאך אין יעדען שטעדטעל אין רוסלאנד. אויסוואהל פון אלערליי שפייזען. ביליגע פרייזען. פרישע שפייזען געפאקט אין יוראפ.

קומט, שרייבט, טעלעפאנירט:

הפצ"ם שיפס קאנטאר
DOMINION TICKET OFFICE
143 קווין סט. וועסט
(עדלייד 5971)

געלט געשיקט. — שיפסקארטען, אינשורענס, מארגיידזשעס. — סיטיזען פייפערס.

פארלאנגט

א יונגע נוירס, נעהמט אן אלערליי נוירסינג אין דער היים, אדער האספיטאל. טריניטי 9584.

***

א יונגע ליידי געענדיגט העברייאישע היי סקול מיט דיפלאמא, שפיעלט גוט פיאנא, קען פערפעקט העברייאיש, דייטש רוסיש און ליטוויש. קען אויך אונטערריכטען אין ענגליש, גיט לעסאנס.

רעפערענסעס ביי הר"הג יעקב גארדאן, אדרעסע: 35 גרענדוש עוועניו, שושנה שיינהויז, טעל. טריניטי W 4068.

2842-3-10

א דייטשע פרוי פארלאנגט צו טאן הויז ארבייט וואשען און קלינען ביי דער שטונדע אדער טאג. פרעגען 88 מארקהאם סטריט, טריניטי 5147.

2919-2-18

פארלאנגט א פארטנער אין א פיש און טשיקען ביזנעס. פרעגען 602 קאלעדזש סטריט.

2918-2-18

פארלאנגט אלערליי הינטלאך. גוטע פרייזען געצאהלט. קינגסדייל 7104.

2915-2-19

א דייטשע פרוי זוכט הויז ארבייט, קען גוט קלינען, פרעסען און וואשען ביליג. פרעגען 92 פאלמערסטאן עוועניו טריניטי 5719 מארי בעזענס.

2922-2-18

פארלאנגט פולע ערוואקסענע קעץ, איך וועל צאהלען 50 סענט א שטיק און וועל קומען נאך זיי. טעלעפאנירט קענוואוד 3812.

202-2-19

פארלאנגט אן עקספיריענסד וויטער פאר דינער צייט, פון 11 פריה ביז 2.30 נאר עקספיריענסד זאלען זיך ווענדען. פרעגען ווייסמאנס רעסטאראנט אין 387 עדלייד וועסט, נעבען ספעדיינא.

201-2-18

ערשט קלאסיגער קארפענטער שטעלט אויף און פיקסט הארדוואוד פלארס, הייזער, סטארס סעלערס, ווערענדעס, און ד. ג. צו זעהר ביליגע פרייזען. מר. קוירטיס 155 קלעירמאנט סטריט, טריניטי M 9317.

2909-2-18

פארלאנגט א קעכין מוז זיך פיהרען העכסט אידיש און כשר'ם פרעגען 288 באטהורסט סטריט. רבי'צען לעווי.

204-2-20

א מיטעליאריגע פיינע אידישע פרוי פארלאנגט א שטעלע אלס הויז קיפערין קאן גוט קאכען און באקען.

טעלעפאנירט עלגין 8820.

2932-2-20

ווער עס האט צו פארקויפען א קראם פינגעריל זאל טעלעפאנירען טריניטי 4099.

2934-2-19

פארלאנגט א פארטנער צו א האלסייל מוז האבען אמוועניגסטען 5 הונדערט דאלאר צו אינוועסטען און אקטיוו.

פרעגען שריפטליך "זשורנאל" באקס 169.

אלטערייששאנס, סטארס, הייזער מאדערניזירט און איבערגעמאכט אין אפארטמענטס א. א. וו. פעקטאריעס, גאראדזשעס, סטארס, הייזער, געבויט צו ארדער, ארכיטעקט דעזיינס באזארגט.

קאנסטראקשאן ענד ריעלטי לימיטעד 68 קינג סטריט איסט. ערדלייד 2969.

א יונגע שעהנע מיידעל

זוכט באקאנטשאפט מיט אן אינטעליגענטען ארבייטער צווישען 25 און 30 יאהר אלט. ער זאל ניט זיין רעליגיעז און האבען א פיינעם כאראקטער שרייבט אלע איינצעלהייטען צו זשורנאל באקס 310.

2927

זינגערס פארלאנגט

פאר חזן וולאדאווסקים כאר.

עלטערען פון קינדער מיט גוטע שטימעלאך צווישען 9 און 11 יאר אלט וועלכע האבען אמבישאן צו ווערען אמאל גרויסע זינגער אדער פיליכט גאר גרויסע חזנים, זאלען שיקען די קינדער איך זאל זיי פארהערען.

אויך גרויסע טענערע און בעסע מיט גוטע שטימען זאלען קומען.

טעלעפאנירט קינגסדייל 8832
2928

רעוו. ש. ז. גרינגארטען

אנערקענט אין
אלע האספיטעלער
אלס מוהל
פון ערשטען גראד
אויך אן
אינטעליגענטער
מסדר קדושין

רופט מיר אויף אייערע שמחות. איך וועל אייך דינען צו דער בעסטער צופרידענהייט.

פאר ארימע אומזיסט

מיין אדרעס:
395 מארקהאם סטריט
טעלעפאן טריניטי F 3406.

די פיינסטע קוואליטעט פולע וואג
געפאקט אין העלען אלומינום

"SALADA"
TEA

"פריש פון די גערטנער"

דער סאסקאטשעוואנער אימיגראציע און קאלאניזאציע באריכט

(פארזעצונג פון פידוש 4)

אלס דיענסטען. יא, אפילו די ענגלישע, סקאטישע און אירישע מיידלאך ווערען דא גיך אויס דיענסט־מיידלאך.

מיט יאהרען צוריק פלעגט מען פארשפרייטען קלאנגען אין אייראפע אז פאר דיענסט־מיידלאך איז קאנאדע א גאלדענע לאנד. דא אין קאנאדע, — פלעגט מען זאגען, — געפינען זיך טויזענטער רייכע פארמער "בעטשלארס", וועלכע ווארטען ביי די אייזענבאן סטאנציעס ווען די ציגען קומען אן, און כאפען פשוט אויס די מיידלאך און זיי האבען מיט זיי חתונה. דאס איז שוין א זאך פון דער פארגאנגענהייט. אבער די מיטגלידער פון דער קאמיסיע זענען ווי עס ווייזט אויס "דזשענטעללייט" און האלטען פון "ליידים פוירסט".

די צווייטע טייל פון דער רעקאמענדאציע וועגען פאראייניגען פאמיליעס, קלינגט עפעס אביסעל מאדנע ווען מען דערמאנט זיך וועגען דעם פעדעראלען געזעץ, וועלכער איז אנגענומען געווארען נאכ דעם ווי די קאמיסיע איז שוין געווען פארטיג מיט איהרע רעקאמענדאציעס.

לאמיר דאס נאך אמאל איבער־חזר'ן:

"מיטלען זאלען אנגענומען ווערען צו דערמוטיגען די פאראייניגונג פון פאמיליעס".

הלוואי וואלט דאס אמת געווען!

וואס מיינט די קאמיסיע מיט "דערמוטיגען די פאראייניגונג"? מיינט עס ביליגערע בילעטען? ספעציעלע פריווילעגיעס? סובסידיעס צו די קרובים וועלכע וואוינען דא און ווילען זיי אריבערברענגען?

איהר מעגט זיין זיכער אז ניט!

ווי יעדער ווייסט איז דאך דורך דעם געזעץ, וועלכער איז ארייגעגאנגען אין קראפט לעצטען אויגוסט — פארבאטען פאר א קאנאדער איינוואוינער אריינצוברענגען זיין פאטער און מוטער, זיינע שוועסטער און ברידער, און אפילו זיינע קינדער, אויב זיי זענען איין טאג עלטער פון אכצען יאהר.

פון פעטערס, מומעס און שוועסטערקינדער איז דאך שוין אפגערעדט!

אויב די קאמיסיע מיינט מיט דער רעקאמענדאציע, אז קיין שוועריגקייטען זאלען ניט געלייגט ווערען אין וועג און דערלייבנישען זאלען געגעבען ווערען פאר'ן פרייען אימיגרירען פון קרובים פון אלע קאנאדער איינוואוינער, קומט זיי טאקע א יישר כוח! אבער איך האב שטארק מורא, אז מען וואלט אויסגעפונען, אויב מען זאל זיך שטארק נאכפרעגען, אז זיי מיינען מיט דעם נאר אנגלאזאקסישע פאמיליעס! . . .

מיר וועלען נעמען די נעקסטע דריי רעקאמענדאציעס צוזאמען.

9) "ווען די צייט וועט קומען, אין דער מיינונג פון דעם פראווינציעלען ראט פאר אימיגראציע און קאלאניזאציע, ווען עס וועט זיין פלאץ פאר נאך אימיגראציע אין קאנאדע, דאן זאל מען געבען דעם פרעפערענץ (אונטער פאסיגע באווארענישען וועגען צאל און באהאנדלונג), ערשטענס, צו די נאמינירטע פון אלטבאזעצטע פארמער. א קאפ שטייער זאל ארויפגעלייגט ווערען אויף יעדען אימיגראנט, פון וועלכע עס זאל געשאפען ווערען א פארזיכערונגס פאנד אנטקעגען דער מעגליכקייט פון פאלען צו לאסט. דער קאפ שטייער זאל ניט ארויפגעלייגט ווערען אויף ענגלישע אימיגראנטען אויב די ענגלישע רעגירונג וועט זיך אונטערנעמען בייצושטייערען צום פארזיכערונגספאנד, אין דער זעלבער פראפארציע ווי דער קאפ שטייער אויף אנדערע אימיגראנטען".

10) "פאטערס פון פאמיליעס וועלכע ווערען נאמינירט פון אימיגראציע געזעלשאפטען, זאל מען מעגען אריינלאזען אויב דער אימיגראנט האט א מינימום קאפיטאל פון $250.00 ביים אנקומען אין סאסקאטשעוואן, און קאן נאכקומען אלע באווארענישען וועגען דעם קאפ שטייער און פאראנטווארטליכקייט. אזעלכע נאמינאציעס זאלען נאר דערלויבט ווערען ווען מען קאן צופריהענשטעלען די פראווינציעלע אימיגראציע און קאלאניזאציע ראט, אז עס איז שוין צוגעגרייט ארבייט און וואוינונגען פאר די אימיגראנטען".

11) "אימיגראציע אגענטורען זאלען דערלויבט ווערען אריינצוברענגען אימיגראנטען וועלכע וועלען דינגען לאנד אדער קויפען לאנד אויף אויסצוצאלונגען בתנאי, אז די אגענטור זאל זיין פאראנטווארטליך אז דער קאלאניסט וועט ניט פאלען צו לאסט אין די ערשטע פינף יאהר אין לאנד. אזעלכע קאלאניסטען זאל מען דערלויבען צו באזעצען זיך נאר אין אזעלכע געגענטען און אונטער אזעלכע באדינגונגען וועלכע וועלען גוטגעהייסען ווערען פון דער רעגירונגס אימיגראציע און קאלאניזאציע ראט. דאס איז ספעציעל ווינשענסווערט כדי צו צוציען אימיגראנטען פון ענגלאנד".

די דריי אויבענדערמאנטע רעקאמענדאציעס וואלטען געווען גאנץ נישקשה'דיג אויב עס וואלט ניט געשטאנען: "ווען אין דער מיינונג פון דעם פראווינציעלען אימיגראציע ראט אז עס וועט זיין פלאץ פאר נייע אימיגראנטען". אדער אויב עס וואלט געווען לכל הפחות פארטראטען אין דעם פראווינציעלען ראט פארטרעטער פון די ניט "פרעפערירטע" אימיגראנטען עלעמענטען.

נאך א זאך קאן מען אויסזעצען געגען די רעקאמענדאציעס וועגען דעם קאפ שטייער.

עס איז דאך א געזעץ, וועלכער זאגט, אז דער אימיגראנט וועלכער פאלט צו לאסט אין די ערשטע פינף יאהר נאך זיין אנקומען אין לאנד, זאל דעפארטירט ווערען.

אזא געזעץ קאן ניט, אדער וואלט כאטש ניט געדארפט עקזיסטירען צו דער זעלבער צייט ווען א קאפ שטייער וועט ארויפגעלייגט ווערען אויף יעדען אימיגראנט, צו באצאלען די קאסטען אין אזא מין פאל. צאלט דער אימיגראנט א קאפ שטייער אלס פארזיכערונג, דארף מען בטל מאכען דעם געזעץ וועגען דעפארטאציע. האלט מען אן דעם געזעץ וועגען דעפארטאציע, דארף מען ניט ארויפלייגען קיין קאפ שטייער. לויט מיין מיינונג וואלט דער פארזיכערונגס פאנד דורך א קאפ שטייער געווען א גוטער פלאן. עס וואלט געדארפט אנגעווענדעט ווערען וועגען אלע אימיגראנטען אן דיסקרימינאציעס: ענגלישע און ניט־ענגלישע; פרעפערירטע און ניט־פרעפערירטע; און דער דעפארטאציע געזעץ וואלט גלייכצייטיג געדארפט אנולירט ווערען.

איצט וועל איך פארלייגען פאר אייך פונקט נומער 12, וועלכער, אויב עס מיינט טאקע וואס עס זאגט, איז דער ערשטער סימן פון האפענונג פאר א פרייערער אימיגראציע, אן דיסקרימינאציעס געגען באשעפטיגונגען און ראסען.

אט איז עס:

"יעדער אימיגראנט, פארהייראט אדער ניט, וועלכער האט מיט זיך דעם נויטיגען קאפיטאל צו באשעפטיגען זיך מיט פארמעריי אדער אינדוסטריע, זאל קענען פריי אריינקומען אין דער פראווינץ מיט'ן צוועק צו באזעצען זיך אויף לאנד אדער פארנעמען זיך מיט "ביזנעס".

אזא מין רעקאמענדאציע, אויב עס זאל אנגענומען ווערען פון די פראווינציעלע רעגירונגען וואלט אויפגעעפענט א טויער פון האפענונג צו הונדערטער, אויב ניט טויזענטער אידישע פאמיליעס פון רוסלאנד, פוילען, רומעניע און ליטע, וועלכע האבען נאך קרובים אין די שטאטען וועלכע קאנען זיי באזארגען מיט די נויטיגע קאפיטאלען, און וועלכע האבען ניט קיינע קרובים אין קאנאדע.

עס מוז אבער אין אכט גענומען ווערען אז די רעקאמענדאציע זאגט: "אגריקולטור אדער אינדוסטריע", און דערמאנט ניט גענוי: "געשעפט אדער האנדעל".

אבער — און דא ליגט טאקע דער הונט באגראבען — איהר וועט באמערקען אז כמעט אין יעדער אנדערער רעקאמענדאציע רעדט עס וועגען דער ארייננוואנדערונג אין קאנאדע פון אימיגראנטען, און גראדע אין פונקט 12 רעדט עס ניט וועגען פרייען ארייננוואנדערונג אין קאנאדע נאר וועגען פרייען ארייננוואנדערונג אין סאסקאטשעוואן!

איך האב דורכבלעטערט דעם באריכט, כדי אויסצוגעפינען צי דער אונטערשייד איז ספעציעל געמאכט געווארען, צי די מיטגלידער פון דער קאמיסיע האבען געהאט אין זינען צו רעקאמענדירען די פרייע ארייננוואנדערונג נאך קאנאדע פון אלע אימיגראנטען וועלכע האבען דעם נויטיגען קאפיטאל איינצוארדענען זיך אויף דער פארם אדער אינדוסטריע. צי עס איז געטאן געווארען בכיון אדער ניט, עס בלייבט דער ספק.

וועגען וויפיעל די קאמיסיע רעכענט פאר נויטיג אלס קאפיטאל איינצוארדענען זיך אין פארמעריי, אדער אינדוסטריע, דערמאנט זי ניט אין די רעקאמענדאציעס. נאר אויף אן אנדער זייט פון דעם באריכט באמערקט זי אז די מינימום סומע קאן זיין פון טויזענט ביז פינף טויזענט דאלאר איינצוארדענען זיך אויף א פארם. פון דער סומע וועלכע איז נויטיג איינצוארדענען זיך אין אינדוסטריע דערמאנט זי גארניט.

געוועהנליך ווענדעט זיך אויך אין וואס פאר א מין פארמעריי דער אימיגראנט וועט זיך באשעפטיגען. און די קאמיסיע מיינט מיט "מינימאלען קאפיטאל", קאפיטאל גענוג צו צאלען פאר'ן לאנד און פאר דעם לעבעדיגען און טויטען אינוועטאר, און אויך לויפענדע הוצאות. אדער אין אינדוסטריע. צי זי וועט אויסטייטשען "מינימאלע קאפיטאלען" אלס גענוג איינצוארדענען זיך אין קליין אינדוסטריע, וועלכע וועט באשעפטיגען דעם אימיגראנט און אפשר נאך איינעם, צי די קאמיסיע וועט עס אויסטייטשען צו מיינען א פאבריק מיט מאשינערי און אויסשטאטונג גענוג פאר צוואנציג, פופציג אדער מערער ארבייטער.

דען איז נאך א פראגע: "וואס מיינט די קאמיסיע מיט'ן ווארט "ביזנעס" צום ענדע פון איהר רעקאמענדאציע. פריהער זאגט זי "אגריקולטור אדער אינדוסטריע" און צום ענדע זאגט זי "באזעצען זיך אויף לאנד אדער איינארדענען זיך אין ביזנעס".

איך צווייפעל צי די קאמיסיע מיינט טאקע מיט'ן ווארט "ביזנעס", קליין־האנדעל אדער פעדלעריי, אדער אפילו "ריעל עסטייט", אדער "דזשאבינג" ביזנעס. פאר ענגלישע אפשר יא, אבער פאר אידען און אנדערע אומגעווינשטע, וועט "ביזנעס" אויסגעטייטשט ווערען אלס גרויס אינדוסטריע!

איצט קומען מיר צו די לעצטע צוויי רעקאמענדאציעס וועגען קאטעגאריעס פון אימיגראנטען.

13) אויסער יענע, וועלכע זענען דערמאנט אין פריהערדיגען פונקט 12, זאל קיין אנדער פערזאן ניט ארייגעלאזט ווערען, אויסער מיט'ן ספעציעלען דערלויבניש פון דעם פראווינציעלען ראט פאר אימיגראציע און קאלאניזאציע, דורך איהר פארטרעטער אויף'ן "פעדעראלען ראט פון אימיגראציע קאמישאנערס.

14) יעדער רעקאמענדאציע, וועלכע איז פריהער דערמאנט, וועלכע וואלט באשריינקט די פרייע איינוואנדערונג אין דער פראווינץ, זאל ניט אנגעווענדעט ווערען געגען ענגלישע אימיגראנטען.

פונקט דרייצען באפעסטיגט דעם ביז איצטיגען געזעץ פון "פערמיטס" און פארברייטערט איהם צו בארעקען אלע אימיגראנטען אויסער ענגלישע, צי זיי זענען פארמער אדער שטאדטישע עלעמענטען, נארוועגער, אוקראינער אדער אידען: די איינציגע וועלכע וואלטען געווען פטור, וואלטען געווען יענע אימיגראנטען מיט קאפיטאל גענוג אליין צו באזעצען זיך אויף פארמס אדער פארנעמען זיך מיט אינדוסטריע.

דער געזעץ וואלט נאך געווען שווערער, ווייל לויט דער רעקאמענדאציע, וואלט מען פריהער געדארפט קריגען א "פערמיט" פון דער פראווינציעלער רעגירונג, און די פעדעראלע רעגירונג וואלט דאן נאר ארויסגעגעבען דעם גילטיגען "פערמיט" אויף'ן סמך פון דעם פראווינציעלען "פערמיט".

די פערצענטע רעקאמענדאציע דערגרייכט די העכסטע שטופע, אדער בעסער געזאגט, די נידעריגסטע שטופע, פון אומפארשעהמטער, אומוויסענשאפטליכער פרווילעגיע און פראטעקציע.

אלע רעקאמענדאציעס, אלע געזעצען וועלכע ווערען ספעציעל רעקאמענדירט פון דער קאמיסיע כדי צו רעגולירען די אימיגראציע "אין דעם בעסטען אינטערעס פון דער פראווינץ" — זאלען ניט זיין גילטיג געגען בריטישע אימיגראנטען.

אויב שטאדטישע עלעמענטען זענען שעדליך פאר קאנאדע, זענען דאך בריטישע שטאדטישע עלעמענטען אויך שעדליך!

אויב צופיעל אומדערפארענע ברייגען ארבייטסלאזיגקייט, דאן ברענגען דאך בריטישע אומדערפארענע אימיגראנטען אויך ארבייטסלאזיגקייט!

אויב ניט־פארהייראטע פארם ארבייטער זענען ניט ווינשענסווערט זענען דאך בריטישע אומפארהייראטע פארם ארבייטער אויך אומווינשענסווערט! אויב אימיגראנטען אן קאפיטאל זענען געפערליך!

אבער ניין! בריטישע אימיגראנטען זענען "עקזעמפטעט", פטור פון אלע אימיגראציע געזעצען!

זיי מעגען!

ווארנונג

אזוי גערופענע אימיטאציעס פון אוואלטין זענען פאראן איבעראל. זאגט זיך אפ פון זיי. אוואלטין, דער העכסטער טאניק שפייז געטראנק, איז דאס בעסטע פון יעדען שטאנדפונקט.

באקעמפט קאלטע ווינטער קרענק

דער פראסט און די קאלטע ווינטער טעג זענען א טשעלענדזש צו אייער געזונט. עפידעמיעס פון פארקילונגען און ערנסטע קראנקהייטען וועלען ניט האבען אויף אייך קיין ווירקונג, אויב איר מאכט אוואלטין פאר אייער טעגליכען געטראנק, ווייל אוואלטין איז העכסט־נארהאפטיג אין א ריכטיג באלאנסירטער פארם. עס איז די וויסענשאפטליכע קאנצענטרירונג פון דער נאטור'ס דריי בעסטע טאניק שפייזען, פרישע אייער, פעטע מילך, און צייטיגע בארלי מאלט.

סערוווירט רעגולאר אנשטאט געוועהנליכע געטראנקען, וועט אוואלטין אויפבויען אין אייך און אין אייער פאמיליע א פרייז־לאזען רעזערוו פון ענערגיע און וויטאליטעט בייצושטייען די ווינטערדיגע קראנקהייטען.

א קאפ פון הייסע אוואלטין אין בעט־צייט פארזיכערט א געזונטען דערפרישענדען שלאף.

'OVALTINE'

דער טאניק שפייז געטראנק

בויט אויף דעם מארך, נערוועזן און קערפער

פארקויפט אין אלע גוטע סטארס אין 50ס., 75ס., $1.25 און ספעציעלע $4.50 פאמיליען־סייז טינס. ווערט אויך סערווירט ביי סאדע פאונטיינס.

A. WANDER LIMITED, LONDON, ENG. AND PETERBOROUGH, CAN.

א איד מיט א קלארען קאפ

צווישען די פיעלע דאנק־בריעף, וואס די סינגער־ברידער באקומען, פאר די קאנגא מעדיצינען, דעם קאנגא־סעוו און קאנגא לינימענט, איז די וואך אנגעקומען א דאנק בריעף, פון א קליין שטעדטעל אין אנטעריא, פון א מלמד און שוחט. און ער שרייבט א גאנצען העברייאישען שיר מיט א נעצאצקעטע האנדשריפט, וועלכער פאנגט זיך אן מיט די ווערטער:

מזמור לאחים זינגער.

קענטיג, אז דער איד האט א קלארען קאפ, און אז אין די היינטיגע צייטען אז מען געפינט א איד, וואס האט נאך א קלארע קאפ איז עס טאקי א זעלטנהייט.

אויפמערקזאם

קאול בלאוערס 25 דאלאר.
נייע בלאוערס מיט ¼ אדער ⅓ הארס פאוער מאטאר.

1164 דאנדעס סטריט וועסט.
לעבען אסינגטאן.



אומעטיג ווי א פארשפארטער פויגעל

דראג־סטימולאנטען שטערען דער שענהייט'ס בליאונג

א מיאוס אויסזען, א צוקראכען פנים. טענגין און קאפעין (וואס מען געפינט אין שפייז־געטראנקען) גנב'ענען אוועק דער שענהייט'ס בליאונג. זיי סטימולירען פאלש דעם נערוועזען סיסטעם. אומפארמיידליך מוז קומען די רעאקציע. די נערוועזן ווערען מיעד דורך איבער־סטימולירונג. איר זייט האלב קראנק, לעבענסלאז, און אומעטיג!

פראבירט פאסטום. מיליאנען טרינקען עס פאר בעסערען געזונט. בעסערען שלאף, רוהיגע נערווען. געשמאק, צופרידענשטעלענד, עקאנאמיש. געמאכט אויגענבליקליך אין א קאפ צום קאסט פון ארום א האלבען סענט. 90 קאפס אין א 50 סענט טין. אדער עס איז פאראן א פאסטום סיריעל, וואס ווערט געמאכט דורך קאכען. אדער דורך פערקולייטען 20 מינוט.

Postum

קלוגע מוטערס ווייסען

פיעלע קינדער האבען ניט ליעב דעם טעם פון מילך. זיי האבען ליב צו טרינקען דעם זעלבען געטראנק ווי די ערוואקסענע. עס איז גוט פאר זיי צו האבען א הייסען טרונק. מאכט אינסטענט פאסטום - פאר זיי נוצענדיג הייסע מילך, (ניט געקאכטע) אנשטאט קאכעדיגע וואסער. זיי וועלען זאפארט גלייכען דעם טעם.

* * *

פרייער אפער

פראבירט פאסטום פאר 30 טעג. מיר וועלען אייך אנפאנגען אויף אייער פראבע דורך געבען אייך גענוג פאר דער ערשטער וואך אומזיסט. שרייבט דזשענעראל פוד לימיטעד, סטערלינג טאוער, טאראנטא 2, אנטעריא.

INSTANT POSTUM

CITY OF TORONTO

טעקס בילס, 1931
נאטיס
צו פראפערטי אייגענטימער און אגענטען

פראפערטי אייגענטימער און אגענטען וועלכע ווילען אז די טעקס בילס זייערע פאר די פארשידענע פראפערטיס, זאל צו זיי געשיקט ווערען צוזאמען אויף איין אדרעס, אדער וועלכע האבען באקומען פראפערטיס נאכדעם ווי דער לעצטער אסעסמענט איז פארענדיגט געווארען, זאלען אריינגעבען זייער פארלאנג ניט שפעטער ווי

פרייטאג פעברואר 20, 1931

GEO. WILSON
סיטי טרעזשורער.

לאיער הערצל ראטענבערג, ב.א.
באריסטער און סאליסיטאר

פריוואטע געלט פאר ערשטע און צווייטע מארגידזשעס

מעסיגען אינטערעסט

901 סטערלינג טאוער בילדינג, בעי און ריטשמאנד סטס.
טעל. עדלייד 4־0963 וואוינונג: קינגסדייל 7845.

איך האב געלט צו לייען אויף מארגעדזשעס
ערשטע, צווייטע און דריטע
CHAS. COBLENS
(טשארלס קאבלענס)
A387 ספעדיינע עוועניו
טעלעפאן טריניטי 1831.
איך קויף אויך צווייטע מארטגיידזשעס

חזן סטאלניץ
פארשטעהער
פון "טאג"
ארגאנייזער
פונ'ם אווענט.

געדענקט אלע!!

דער ערשטער גרעסטער אידישער

קינסטלער אווענט

טאראנטא מיט'ן אנטייל פון אלע חזנים און בעסטע מוזיקאליש־ליטעראריש־דראמאטישע קרעפטען וואס די אידישע טאראנטא פארמאגט וועט פארקומען

מאנטאג 23־טן פעברואר

אין זאל פון בראנזוויק תלמוד תורה

באזארגט זיך באצייטענס מיט טיקעטס, ווייל די צאל פלעצער זענען באגרענעצט.

בילעטען צו באקומען אין פאלגענדע ערטער: —
אין רעדאקציע פון "זשורנאל", 542 דאנדעס סטר. וועסט.
ביי חזן ב. וולאדאווסקי, 62 בראנזוויק עוו.
ביי חזן א. בארקין, 50 בראנזוויק עוו.
ביי חזן עקיבא בארענשטיין, 108 מיידזשאר סטר.
ביי חזן נתן סטאלניץ, 298 פאלמערסטאן עוו.
ביי מר. לעווינסאן 1218 בלור סטריט וועסט.
ביי מר. בערקאוויטש, 1197 סט. קלעיר וועסט.
אין חזן גליק'ס דזשועלערי סטאר, 758 דאנדעס וועסט.

אונזער טרייסט

מיר שיקען א הארציגען טרייסט צום האמילטאן לאדזש נומער איינס, צום גרענד לאדזש, און צו דער פאמיליע פון פארשטארבענעם ברודער

י. לואיס ע"ה

פון האמילטאן, וועלכער איז פון אונז אזוי יונג אפגעריסען געווארען.
זייט געטרייסט און אפגעהיט פון צער.

ד. שטיינבערג, ג. מ.
ס. הערמאנט, סעקרעטאר

פון גרענד ארדער אף איזראעל קיעוו פאראל לאדזש נומער 3.

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
THE HEBREW JOURNAL
PUBLISHED BY
JOURNAL PRESS, LIMITED
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
542 DUNDAS ST. WEST. Telephone Trinity 6830-6831
M. Clavir, Pres. and Gen. Mgr
Subscription Rates: $6 PER YEAR $3.50 SIX MONTHS
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O., Toronto, January 22nd, 1913
Single Copy—3 cents

מצות און די מערב-קאנאדער פארמערס

האָנ. ראָבערט וויר, דער פעדעראלער אגריקולטור מיניסטער איז לעצטע וואָך געווען אין וויניפעג. און זייענדיג דאָרטען האָט ער געהאַט א צאָל קאָנפערענצען מיט אידישע געשעפטסלייט וועגען דעם פּלאַן צו אנטוויקלען אין קאנאדע א גרויסע מצה־אינדוסטריע.

אויבענאויף זעט עס אויס גאַנץ קאָמיש ווען מען הערט אז א גוי, און דערצו נאָך אזעלכער וואָס שפּילט איצט אזא וויכטיגע ראָליע אין׳ם קאנאדער עפענטליכען און פּאָליטישען לעבען, אינטערעסירט זיך אזוי צו אנטוויקלען א ברייטע מצה־אינדוסטריע. אָבער ווען מען באגרייפט טיפער די זאַך, זעט מען אז עס איז גאָרנים קאָמיש.

עס איז אויסגערעכענט געוואָרען אז אין פארלויף פון דעם פארגאַנגענעם יאָר אליין האָט מען אימפּאָרטירט פון די פאראייניגטע שטאַטען מצה און מצה־פּראָדוקטען אין אַן ערך פון א האַלבען מיליאָן בושעל ווייץ.

און אין דער צייט ווען אזוי פיעל בושעל ווייץ (אין מצה־פּראָדוקטען) איז אַהער אימפּאָרטירט געוואָרען פון די פאראייניגטע שטאַטען ליגען דערווייל די עלעוויי־טאָרס איבערגעפּאַקט מיט האַלב־צופוילטען ווייץ. ווייל עס איז ניטאָ פאַר דעם קיין אָפּזאַץ־פּלאַץ. דער וויניפעגער מעיאָר איז אלזאָ געפאַלען אויפ׳ן פּלאַן צו העלפען די רואינירטע מערב־קאנאדער פארמערס וועמענס ווייץ ליגט איצט אין די עלעוויי־טאָרס און עס פוילט, דורך אנטוויקלען אין קאנאדע גופא די מצה־אינדוסטריע.

דערוויסען מיר זיך אויך אז אין וויניפעג ווערט שוין איצט געבויט א מצה־פאבריק פאַר 100 טויזענט דאלאר. און די רעגיערונג פּלאַנט אויך צו דערמוטיגען אזעלכע פאבריקען אין מזרח קאנאדע. דער אגריקולטור־מיניסטער זאָל האָבען צוגעזאָגט, אז די דאָזיגע מצה־פראַגע וועט אויפגענומען ווערען אין פּאַרלאַמענט, אזוי שנעל ווי די קומענדע סעסיע וועט דערעפענט ווערען. ער האָט פארזיכערט אז די רעגיערונג וועט ארויפלייגען א היכען אָפּצאָל אויף די אמעריקאַנער מצה־פּראָדוקטען. כדי מיט דעם צו דערמוטיגען די קאנאדער אידען צו קויפען זייערע מצה־פּראָדוקטען בלויז פון קאנאדער פירמעס און ניט פון אמעריקאַנער.

מיט יאָרען צוריק האָט קאנאדע יאָ געהאַט א טאַריף־אָפּצאָל פון 15 פּראָצענט אויף אמעריקאַנער מצה־פּראָדוקטען. אָבער שפּעטער איז דער טאַריף ארונטערגענומען געוואָרען. און איצט וועט א טאַריף ווידער ארויפגעלייגט ווערען — און דוקא א גאַנץ הויכער.

עס ווייזט, אלזאָ אויס, אז די רעגיערונג האָט זיך גאַנץ ערנסט גענומען צו דורכפירען די זאַך, ניט אזוי דערפאַר ווייל זי וויל דוקא באַזאָרגען די קאנאדער אידען מיט אייגענע מצות. נאָר ווייל זי וויל דורך דעם העלפען אירע רואינירטע פארמערס. געוויס וועלען די פארמערס באַדייטענד געהאָלפען ווערען דורך דעם. און עס וועלען אויך געהאָלפען ווערען די עטליכע הונדערט אידישע ארבייטער, וועלכע וועלען קריגען באַלדיגע באַשעפטיגונג אין די נייע מצה־פאבריקען.

שלום ווערטער און מלחמה מעשים

פון איין זייט האַלט מען אין אייראָפּע אין איין רעדען און דיסקוטירען וועגען אנטוואָפנונג. און פון דער אנדער זייט גייט אָן די קאָנקורענץ פון לענדער, וועלכע זוכען זיך איינע די אנדערע איבערצושטייגען אין זייערע מיליטערישע אויסשטאַטונגען. אַט ווי גאָר ניט געווען. פון די ווערטער ביז די מעשים איז א ווייטער שפּרונג. און אויב מען רעדט אפילו וועגען דער וויכטיגקייט זיך צו אנטוואָפענען, האַלט מען אָבער פונדעסטוועגען שטאַרק פון דעם כלל, אז עס איז אלין בעסער צו האָבען א גרויסע ארמיי, אָדער שטאַרקע פלאָטע, ווי עס ניט צו האָבען.

און דעם דאָזיגען כלל זוכט מען דורכצופירען אין לעבען אויף ווי ווייט מעגליך. דער פירוש געפעלט. און ער גילט אלס גוטער תירוץ מיט וועלכען צו רעכטפערטיגען, אי פאַר זיך און אי פאַר פרעמדע דאָס וואָס מען פארשווענדט ריזיגע מיליאָנען אויף פארשידענע מיליטערישע אויסשטאַטונגען, אויף זאַכען וואָס זענען ניט מער און ניט ווייניגער, ווי פאַרבארייטונגען צו מלחמות.

אָט הערען מיר, אז די ענגלישע רעגיערונג באַאבזיכטיגט דורכצופירען א פּראָגראַם פון קריעגס־שיף בוי, וואָס זי האָט פריער ניט געהאַט בדעה. נאָך דער פלאָטען־קאָנפערענץ וואָס איז פאריגען יאָר אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין ענגלאַנד, איז מען דאָרט געווען צופרידען צו קאָנען מאַכען א היבשען שטריך אין דעם מיליטערישען בודזשעט. עס איז דאַמאָלסט דערקלערט געוואָרען אז ענגלאַנד וועט ווייזען די אנדערע לענדער א ביישפּיעל ווי אזוי צו פארקלענערען די אויסגאַבען אויף ים־באַוואָפנונג און אז זי וועט ניט אנגיין מיט דעם בוי פון קריעגס־שיפען לויט די פריערדיגע פּלענער וואָס זי האָט פאַר דעם געהאַט אנגעוואָרפען.

דאָס איז אָבער אלין געווען נאָך דער פלאָטען־קאָנפערענץ. אין דער לופט האָבען זיך דאַמאָלסט געהאַט געטראָגען אנדערע שטימונגען. האָט אָבער די שטימונג אין אינטערנאַציאָנאַלע קרייזען זיך געביטען. ווי באַוואוסט האָבען סיי פראַנקרייך און סיי איטאַליע אויפגענומען די באַשלוסען פון דער פלאָטען־קאָנפערענץ מיט גרויסע "רעזערוואַציעס". זיי זענען בלויז מסכים געווען מיט די געפאַסטע באַשלוסען אין פּרינציפּ, אָבער ניט מער. אין דער פּראַקטיק האָבען זיי זיך געהאַט איבערגעלאָזט דאָס רעכט צו האַנדלען לויט די אייגענע אינטערעסען וועלען זיי עס דיקטירען.

און אזוי איז דאָס געווען. ביידע לענדער זענען איינגעגאַנגען צייטוויליג אָפּצושטעלען צווישען זיך די מיליטאַריסטישע קאָנקורענץ און דאָס בויען פון קריעגס־שיפען וואָס איז א רעזולטאַט פון דער דאָזיגער קאָנקורענץ. אָבער דער אָפּמאַך געהט אויס. און די אָפּגעשטעלטע קאָנקורענץ וועט צווישען זיי איצט ווידער אויפגענומען ווערען. אזוי ווערט איבערגעגעבען. און דאָס האָט אין ענגלאַנד דער באַוועגונג פאַר אנטוואָפנונג געגעבען א שטויס אויף צוריק.

און דאָס מיינט ניט. אז בלויז ענגלאַנד אליין וועט דאַרפען אויפנעמען איר פריערדיגען פּראָגראַם אין באַצוג צו נייע קריעגס־שיפען. דאָס אייגענע וועלען אויך טאָן אמעריקע און יאַפּאַן. עס וועט זיך אָנהויבען א יאַגד פון באַוואָפנונג אזוי ווי פריער. אין פראַנקרייך וואַרפט מען די שולד פאַר דעם אויף איטאַליע. און אין איטאַליע אויף פראַנקרייך. עס איז אָבער קלאָר אז ביידע וועלען געבען דעם טאָן פאַר גאַנץ אייראָפּע. און אויך פאַר אמעריקע און יאַפּאַן.

ווי מען זעט האָט פון אלע דיסקוסיעס און די ביז־איצטיגע רייד וועגען אנטוואָפנונג דערווייל גאָרניט זיך אויסגעלאָזט. די אלערליי קאָנפערענצען וואָס זענען וועגען דעם געוואָרען אָפּגעהאַלטען, האָבען צו קיין ממשות׳דיגע רעזולטאַטען ניט געפירט. און מען האַלט איצט פּונקט אזוי ווייט דערפון. אז מען זאָל זיך נעמען אנטוואָפענען. ווי פריער.

מען רעדט היינט וועגען דעם אפשר מער ווי אמאָל. און דאָס וועלען אלע צוגעבען. אָבער מען האַלט נאָך אלץ פון דעם אלטען לאַטיינישען כלל, אז דער בעסטער מיטעל צו באַוואָרענען זיך געגען מלחמות. איז צו זיין צוגעגרייט פאַר זיי.

דער סאסקאטשעוואנער אימיגראציע און קאלאניזאציע באריכט

(צווייטער ארטיקעל.)
פון ש. אסיפאוויטש.

מיר קומען יעצט צו דער צווייטער גרופּע פון רעקאָמענדאַציעס — וועגען אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע געזעלשאַפטען. די רעקאָמענדאַציעס זענען נאָך צוויי אין צאָל: דאָס ערשטע איז, אז יעדע פּערזאָן, קערפּערשאַפט אָדער פאַראיין, וועלכע וויל אָנפירען איהר ארבייט אלס אימיגראַציע אָדער קאָלאָניזאַציע אגענטור, מוז פריער קריגען א דערלויבעניש (לייסענס) פון דער פעדעראַלער רעגירונג. און אידער זי קען אָנפירען איהר ארבייט אין דער פּראָווינץ סאַסקאַטשעוואַן, מוז זי אויך קריגען א דערלויבניש (לייסענס) פון דער פּראָווינציעלער רעגיערונג, וועלכע וועט ארויפלייגען די פליכט אויף יעדער אזעלכער פּערזאָן, קערפּערשאַפט אָדער פאַראיין, פאַרצולייגען אלע איהרע אקטיוויטעטען בנוגע קאָלאָניזאַציע פאַר דעם פּראָווינציעלען אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע ראַט און אונטערוואַרפען זיך אונטער איהר אויפזיכט.

צווייטענס, זאָל קיין דערלויבניש ניט ארויסגעגעבען ווערען אויסער צו אזעלכע פּערזאָנען אָדער פאַראיינען וועלכע זענען, אין דער מיינונג פונ׳ם פּראָווינציעלען ראַט, בכח אָנצופירען פּראַקטישע קאָלאָניזאַציע ארבייט.

ביידע פון די אויבענדערמאָנטע רעקאָמענדאַציעס זענען, אין מיין מיינונג, ראַטזאַם און ווינשענסווערט. עס קאָן קיינעם ניט שאַ־ען און קען נאָר ברענגען נוצען צום אימיגראַנט, אז נאָר פאַראַנטוואָרטליכע מענשען און אָרגאַניזאַציעס זאָלען זיך פאַרנעמען מיט אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע, און ניט די אידישע אימיגראַציע געזעלשאַפט און ניט די "איק"א" וועט זיך שרעקען פאַר דעם.

צו־אונז, אידען, קלינגט עס אפשר אביסעל מאָדנע אז עס זאָל נויטיג זיין פאַר דער רעגיערונג צו האַלטען אַן אויג אויף אזעלכע אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבען אלס זייער ציעל די אויפגאַבע צו העלפען זייערע גלויבענס־גענאָסען אָדער ראַסען־ברידער, ווייל מיר זענען גוט באַקאַנט מיט דער נאָבעלער ארבייט פון די אידישע אָרגאַניזאַציעס אויף דעם געביעט, ווי דער "האיאס", עמיגדירעקט, "יק"א" און קאנאַדער אימיגראַנטען הילף פאַראיין.

מיר דאַרפען אָבער ניט פאַרגעסען, אז ביי די גויים איז גאַנץ אנדערש. ווי דער באריכט גיט אליין צו, איז פּאַקטיש ניטאָ קיין איין גויאישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע פירט אַן קאָלאָניזאַציע ארבייט — דירעקטע קאָלאָניזאַציע ארבייט — מיט איהר אייגענע פאָנדען און אַן קאָסט צום אימיגראַנט. די אייזענבאַנען, די מענאָניטישע קאָלאָניזאַציע געזעלשאַפט, די לוטעראַנישע קאָלאָניזאַציע געזעלשאַפט, די סאַלוויישאַן ארמיי און אנדערע, אלע ציהען אַן איינקונפט פון רעגיערונגס סובסידיעס, פון "קאָמישאָנס" און פון באַן־בילעטען און "פּערמיטס" און פון שטייערען אויף די אימיגראַנטען וועלכע זיי העלפען.

דאָס איז געערדט פון ראיעלע אָרגאַניזאַציעס, פון די פארשיידענע קליינע דייטשע, אונגאַרישע און אוקראַינישע אגענטלאַך, וועלכע זענען אויסגעוואַקסען אין די יאָרען פונ׳ם אימיגראַציע שטראָם און האָבען זיך געגעבען שעהן־קלינגענדיגע נעמען צו וועלכע זיי זענען ניט געווען בארעכטיגט — איז שוין אָפּגערעדט!

אזא מין געזעץ וואָלט געצוואונגען די קליינע אגענטלאַך צו פאַרמאַכען, זייערע קרעמלאַך און וואָלט אפשר געשטערט די ארבייט פון די קאַטוילישע, לוטעראַנישע און מענאָניטישע קאָלאָניזאַציע פאַראיינען וועלכע זענען נאָר פאַרמיטלער צווישען זייערע אימיגראַנטען און די באַן און לאַנד געזעלשאַפטען, אָבער וואָלטען ניט געקענט שטערען דער אידישער אָרגאַניזאַציע.

* * *

יעצט קומען מיר צו די רעקאָמענדאַציעס וועגען די קאַטעגאָריעס פון אימיגראַנטען. די רעקאָמענדאַציעס זענען גאַנצע פערצען און אָט זענען זיי:

1) די ערשטע מעגליכקייטען צו באַזעצען זיך אויף לאַנד זאָלען געגעבען ווערען צו די, וועלכע וואוינען שוין אין דער פּראָווינץ סאַסקאַטשעוואַן.

2) קיין ספּעציעלע מיטלען זענען ניט נויטיג אָנצואווענדען כדי צו סטימולירען די אימיגראַציע אין סאַסקאַטשעוואַן פון איינוואוינער פון די אנדערע קאנאַדער פּראָווינצען.

ביידע רעקאָמענדאַציעס קאָן מען נעמען צוזאַמען. זיי זענען שעהנע הבטחות, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרען צו בלייבען נאָר הבטחות, ווייל ווייטער אין דעם זעלבען באריכט זאָגט די קאָמיסיע, אז עס איז שוין געבליבען ווייניג לאַנד אין סאַסקאַטשעוואַן, און די איבערגעבליבענע לאַנד איז מערסטענטיילס ניט פון די בעסטע און האָט ווייניג צוציאונגס־קראַפט פאַר קאנאַדער און ענגלישע געבוירענע.

איצט לאָמיר געהן צו דער דריטער רעקאָמענדאַציע:

3) די פעדעראַלע רעגיערונג זאָל באַצאָלען העלפט פון די רייזע קאָסטען פון אזעלכע קאנאַדער וועלכע וואוינען אין די שטאַטען און ווילען זיך צוריק אומקערען אין די פּראָווינצען פון וועלכע זיי זענען געקומען.

דאָס הייסט די פעדעראַלע רעגיערונג זאָל דעקען האַלב פון די רייזע הוצאות פון קוויבעקער פראַנצויזען אין די שטאַטען, וואָס ווילען זיך אומקערען קיין קוויבעק, אָדער געוועזענע מאַניטאָבער איינוואוינער וואָס ווילען זיך אומקערען קיין מאַניטאָבא און א. וו.

באַמערקט אָבער, אז קיין הילף זאָל ניט געגעבען ווערען פאַר קאנאַדער פראַנצויזען, וועלכע וואוינען אין די שטאַטען און וואָלטען זיך וועלען באַזעצען, לאָמיר זאָגען, אין סאַסקאַטשעוואַן. הייסט עס, ביסט ארויסגעשפּרונגען פון איין טאָפּ, ווייל עס איז דיר געוואָרען צו איינג, און עס איז דיר נאָך איינגער איצט, דאַן קאָנסטו זיין אזוי גוט און צוריק ארייענשפּרינגען אין דעם זעלבען טאָפּ פון וואַנען דו ביסט געקומען. אָבער אין יענעם האַלב ליידיגען טאָפּ זאָלסטו, חס־וחלילה, ניט אריין!

4) אימיגראַציע פון ענגלאַנד זאָל דערמוטיגט ווערען מיט אלע מעגליכקייטען, און די ענגלישע רעגיערונג זאָל איינגעלאַדען ווערען צו אויסארבייטען פּלענער פאַר אזא מין באַוועגונג, און שאַפען די נויטיגע פינאַנציעלע מיטלען דורכצופירען זיי. מיר רעקאָמענדירען ספּעציעל צו העלפען די אימיגראַציע פון ענגלישע אינגלאַך פון עלטער ווען זיי האָבען געענדיגט די "פּאַבליק סקולס" און העכער, אונטער פּאַסיגע באַוואַרענישען.

די ערשטע טייל פון דער פערטער רעקאָמענדאַציע איז נאָך א שעהנע הבטחה וועלכע בלייבט נאָר א הבטחה, ווייל אין אַן אנדער טייל פון באריכט זאָגט די קאָמיסיע, אז קיין פּאַסיגער רעגיערונגס באָדען פאַר ענגלישע אימיגראַנטען האָט שוין ניט די קאנאַדער רעגיערונג. און קיין פינאַנציעלע שטיצע זאָל די קאנאַדער רעגיערונג ניט געבען צו ענגלישע געבוירענע אימיגראַנטען. און אזוי ווי די ענגלישע רעגיערונג וועט נאָר העלפען איהרע עמיגראַנטען מיט א הלואה בתנאי אז די קאנאַדער רעגיערונג וועט געבען דאָס לאַנד — ווייסט איהר שוין אליין וואָס דאָס מיינט.

פאַרוואָס די קאָמיסיע איז אזוי־אַנטציקט פון די ענגלישע אינגלאַך, וועלכע ווערען געשיקט קיין קאנאַדע גלייך ווי זיי ענדיגען די עפענטליכע שולען אין ענגלאַנד, פאַרשטעה איך ניט. אין מייסטע פעלען זענען זיי שטאָדטישע עלעמענטען און ווייסען גאָרניט וועגען פאַרם־לעבען. פיעל פון זיי פאַרבלייבען ניט אויפ׳ן פאַרם, און בכלל מוזען זיי אויסשטעהן אלע סכנות וועלכע יונגע אינגלאַך, צושיידט פון זייערע עלטערען און עלענד אין א פרעמד לאַנד, מוזען דורכמאַכען.

יעצט דעם פינפטען פּונקט:

5) אויסער דער פינאַנציעלער שטיצע, וועלכע די ענגלישע רעגיערונג גיט פאַר ענגלישע אימיגראַנטען, די טייל פון די רייזע קאָסטען פון צוריקגעקומענע קאנאַדער איינוואוינער וועלכע די פעדעראַלע רעגיערונג באַצאָלט. די שטיצע וועלכע מיר רעקאָמענדירען אז די פּראָווינציעלע רעגיערונג זאָל געבען צו די איינוואוינער פון דער פּראָווינץ, וועלכע ווילען זיך באַזעצען אויף רעגיערונגס ערד, און פאַר׳ן באַזעצען פון ענגלישע אינגלאַך, זאָל קיין פינאַנציעלע רעגיערונגס שטיצע פאַר קאָלאָניזאַציע פּלענער ניט געגעבען ווערען

און אַט האָט איהר דאָס! דער באַרג האָט נאָכאַמאָל געבוירען א מויז! פון די אלע רייד האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם!

די ענגלישע רעגיערונג שטיצט שוין פון עטליכע יאָהר ענגלישע עמיגראַנטען, וועלכע ווילען זיך באַזעצען אויף לאַנד אין קאנאַדע. זי באַצאָלט דאָך אויך די רייזע קאָסטען פון ענגלישע אינגלאַך וועלכע ווילען פאָרען קיין קאנאַדע. די פּראָווינצען האָבען שוין פון עטליכע יאָהר אַן אָפּמאַך מיט דער ענגלישער רעגיערונג צו באַזעצען ענגלישע אינגלאַך אויף לאַנד און דערווייל האָבען זיי נאָך ניט באַזעצט איינעם. בלייבט די איינציגע נייע רעקאָמענדאַציע, אז די פּראָווינציעלע רעגיערונג זאָל העלפען איהרע איינוואוינער צו באַזעצען זיך אויף רעגיערונגס־באָדען.

און ווייסט איהר ווי אזוי מען העלפט זיי? דורך בטול מאַכען די פריי־הערדיגע פרייע "האָמסטעדס" געזעצען און פאָדערען באַצאָלט פיער דאָלאַר פאַר אַן אַקער, אָדער $640 פאַר א פאַרם וועלכען מען האָט געקענט באַקומען אומזיסט מיט א יאָהר צוריק!

און יעצט קומען מיר צו א פאַרעווע רעקאָמענדאַציע: מען וואָלט דאָס געדאַרפט רופען דעם "קריסקאָ" אָדער "דאָמעסטיק", אָדער "רזשועל" שאָרטענינג געזעץ! עס איז ניט פליישיג און ניט מילכיג. הערט זיך צו:

6) די קאָמיסיע מאַכט קיין רעקאָמענדאַציעס ניט וועגען א קוואָטאַ געזעץ. די קו־קלוקס קלען, די "נייטיווס סאָנס און קענעדע", די צוריקגעקומענע סאָלדאַטען און די "גרענד אָרענדזש לאָדזש", האָבען אלע אריינגעשיקט פאַרלאַנגען צו דער קאָמיסיע פאַר א קוואָטאַ סיסטעם.

אויב די קאָמיסיע גלויבט, אז דער פאַרלאַנג פאַר א קוואָטאַ סיסטעם איז א באַרעכטיגטער האָט זי געדאַרפט אזוי זאָגען. יאויב אָבער די קוואָטאַ סיסטעם איז ניט ווינשענסווערט, וואָלט דאָך די קאָמיסיע דאָס אויך געדאַרפט אָפען ארויסזאָגען. די קאָמיסיע איז דאָך געשאַפען געוואָרען צו באַטראַכטען און ארויסגעבען א באַשטימטע מיינונג וועגען אזא פראַגע. און איהר רעקאָמענדאַציע איז — אז זי האָט קיין רעקאָמענדאַציע ניט וועגען דעם.

די זיבעטע רעקאָמענדאַציע איז, אז קיין אומפּאַרהייראַטע פאַרם ארבייטער זאָל מען דערווייל ניט אריינלאָזען קיין קאנאַדע.

פון איין זייט איז דער באַשלוס גאַנץ פאַרשטענדליך, ווייל דער פאַרלאַנג פאַר פאַרם ארבייטער האָט זיך פיעל פאַרקלענערט אין די לעצטע יאָהרען דורך דער אנטוויקלונג פון נייע מאַשינען, אזוי ווי די "קאָמביינס" מיט וועלכע מען שניידט און דרעשט די תבואה מיט איין מאָל. א פאַרמער מיט א "קאָמביין", מיט דער הילף פון צוויי אינגלאַך אָדער מיידלאַך צו טרייבען דעם טראַק, וועלכער פירט אַוועק די תבואה אין עלעוויי־טאָר און דעם טראַקטאָר וועלכער שלעפּט דעם "קאָמביין" און נאָך איין מאַן אויסער זיך, צו אכטונג געבען אויף דעם סעפּעראַטאָר, קאָן אָפּשניידען, דרעשען און אריינפירען די תבואה פון א האַלבען סעקשאַן ביז צוויי סעקשאַנס לאַנד (320 ביז 1280 אַקער).

די פראַגע בלייבט אָבער אזוי. אויב עס איז ניטאָ קיין נויט פאַר אומפּאַרהייראַטע פאַרם ארבייטער, אונטער די יעצטיגע אומשטענדען, אויב זיי געהען ארום ארבייטסלאָז און קענען ניט מאַכען קיין לעבען, איז עס דאָך פיעל שווערער פאַר א פאַרהייראַטען פאַרם ארבייטער צו קריגען ארבייט און שפּייזען א ווייב און קינדער, ספּעציעל ווען א פאַרהייראַטער פאַרם ארבייטער קריגט ניט קיין גרעסערען געהאַלט ווי א ניט־פאַרהייראַטער ארבייטער.

דאָך איז עס די מיינונג פון דער קאָמיסיע, אז פאַרהייראַטע פאַרם ארבייטער מעגען אריינקומען און ניט־פאַרהייראַטע ניט. אויב א פאַרם ארבייטער האָט חתונה אין דער היים, לאָזט ער איבער זיין יונג ווייבעל דאָרט, און קומט אליין, מעג ער אריינקומען. אויב ער האָט ניט חתונה נאָר וויל פריהער קומען אהער און נאָכדעם שיקען נאָך זיין כלה, טאָר עס ניט! וועט איהר פרעגען וואו איז די לאָגיק פון אזא רעקאָמענדאַציע — מעגט איהר טאַקע פרעגען!

די אַכטע רעקאָמענדאַציע וועגען קאַטעגאָריעס פון אימיגראַנטען איז — "דיענסט־מיידלאַך זאָלען אריינגעלאָזען ווערען אונטער׳ן פּאַסיגען קאָנטראָל פון דעם פּראָווינציעלען ראַט פון אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע, און מיטלען זאָלען אָנגענומען ווערען צו דערמוטיגען די פאַראייניגונג פון פאַמיליעס".

די רעקאָמענדאַציע פּאַרט צונויף צוויי זאַכען, וואָס האָבען קיין שייכות איינס מיט׳ן אנדערען.

צי מען דאַרף אריינברענגען דיענסט־מיידלאַך אין קאנאַדע איז א גאַנץ אנדערע פראַגע פון דער נויטווענדיגקייט פון פאַראייניגען פאַמיליעס.

אין מיין לעצטען ארטיקעל האָב איך אָנגעוויזען אויף דער רעקאָמענדאַציע פון דער זעלבער קאָמיסיע אז ניט פאַרהייראַטע פאַרם ארבייטער זאָל מען ניט אריינלאָזען אין קאנאַדע, ווייל דער פאַרמער אונטער די איצטיגע אומשטענדען דאַרף און קאָן זיי ניט האַלטען. אויב ניט פאַרהייראַטע פאַרם ארבייטער זענען ניט ווינשענסווערט איצט, דאַן זענען ניט־פאַרהייראַטע דיענסט־מיידלאַך געוויס ניט ווינשענסווערט, ווייל עס איז דאָך פיעל ערגער פאַר אַן עלענדער מיידעל ארומצודרעהען זיך ארבייטסלאָז ווי פאַר אַן אומפאַרהייראַטען מאַן — א פאַרם ארבייטער.

דען די קאָמיסיע האָט דאָך געדאַרפט גאַנץ גוט ווייסען, אז קאנאַדע איז ניט ענגלאַנד. און דאָ איז ניטאָ און קאָן ניט עקזיסטירען א ספּעציעלער אָפּגעזונדערטער קלאַס פון מיידלאַך — הויז דיענסטען, און אז די מיידלאַך וועלכע קומען

(פארזעצונג אויף זייט 3)

דער גרעסטער שונא ישראל געשטארבען א האלבער בעל-תשובה

פון מ. טענענבלאט

די אַמאָליגע שטראַקסטע זייל פונ׳ם קלעריקאַלען אנטיסעמיטיזם אין צענטראַל אייראָפּא, פּראָפעסאָר דר. אויגוסט ראָהלינג, איז געשטאָרבען פאַראיינזאַמט און פאַרגעסען פון דער גאַנצער וועלט.

אמאָל א קאַמף־פיגור, ארום וועלכער עס האָט זיך קאָנצענטרירט די שווערסטע אנטיסעמיטישע אָפענסיווע פון עלילת־דם, פון ווילדע אטאַקעס געגען דער גאַנצער רבנישער ליטעראַטור אַנגעהויבען פון די חכמי התלמוד ביז צו די שפּעטערע גרויסע מקובלים. ווי ר׳ חיים וויטאַל — איז דער גיפטיגער קריסטליכער טעאָלאָג פּראָפעסאָר ראָהלינג געווען אין די לעצטע 30 יאָהר אַן אָפּגעריבענע מטבע אָהן א שום ווערט.

נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלוירען דעם היסטאָרישען פּראָצעס געגען וויענער ראַבינער און דעפּוטאַט דר. ש. בלאָק, וועלכער האָט איהם עפענטליך פאַרגעוואָרפען פעלשונגע פון פאַרשיעדענע מאמרים אין תלמוד און פוסקים, איז ער געצוואונגען געווען פאַרזוכען דעם טעם פון אידישען גלות פולע 32 יאָהר.

קייזער פראַנץ יאָזעף האָט איהם געלאָזט ארויסוואַרפען פון זיין הויכען פּיעדעסטאַל אלס אוניווערזיטעטס פּראָפעסאָר און אפילו דער פויפּסט אין רוים האָט איהם פאַרבאָטען טראָגען ווייטער די גלחים ווירדע און ארייענגעלייגט אין חרם אלע זיינע אנטיסעמיטישע ביכער געגען תלמוד און רבנישער ליטעראַטור. האָט ער געלעבט אין א פינסטערען חדר, געהונגערט און געליטען, ווי א שטיק בעל תשובה, ניט געפונען קיין רוהע ווי נעונדניק און צו זיין אומגליק אויסגעהאַלטען פולע 92 יאָהר.

ערשט אין די לעצטע חדשים פאַר׳ן טויט האָט ער עטליכע מאָל אויפגענומען אין זיין איינזאַמען קליינעם קאַבינעטעל דעם בעקאַנטען אידישען ליטעראַט חיים בלאָך, מיינענדיג לכתחילה אז ער איז א קרוב און שליח פון דר. בלאָק, וועלכער איז געקומען בעטען ביי איהם "מחילה" פאַר די "חטאים" פון אַמאָליגען פּראָצעס.

דער אלטער שונא ישראל איז געלעגען א צומאַטערט און עס איז איהם געווען זעהר שלעכט אויפ׳ן הארץ. ווי ר׳ חיים בלאָך האָט איהם אויפגעפרישט די אַמאָליגע געשיכטע און געזאָגט איהם, אז נראַר א צינד פאַר׳ן טויט האָט ער די געלעגנהייט צו זיין א מפשפש במעשיו, און מתקן זיין. דאָס גרויסע אומרעכט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן דעם אידישען פאָלק. דער זקן ממרה האָט זיך עטליכע מאָל געשוואוירען אז ער איז חלילה ניט קיין אנטיסעמיט און עס טוט איהם וועה אין טיעפען הארצען. וואָס די האַקענקרייצלער און זייערס גלייכען פאַררופען זיך אויף איהם און זיינע ספרים. ער וויל אומבאַדינגט, די גאַנצע וועלט זאָל איהם גלויבען, אז ער איז א שאַרפער געגנער פון אנטיסעמיטיזם בכלל און פון ראַסישען נאַציאָנאַליזם בפרט. אָבער פון דער נאַרישקייט צו גלויבען אין עלילת דם ביים רבנישען אידענטום, איז ער נאָך אלץ ניט אויסגעהיילט געוואָרען און ער האָט אויפגעפאָדערט ר׳ חיים בלאָך אלס איד אָבצוגעבען באותו מעמד א רעליגיעזע שבועה, אז איהם איז עלילת דם ניט באַקאַנט, ניט אין דער אידישער רעליגיעזער ליטעראַטור און ניט אין אידישען לעבען.

ר׳ חיים בלאָך האָט צוליעב קידוש־השם תיכף אָפּגעלעגט א צערעמאָניעלע רעליגיעזע אידישע שבועה, כדי דער אַלטער פרומער קאַטוילישער טעאָלאָג זאָל כאָטש פאַר׳ן טויט אויסגעהיילט ווערען פון דער שרעקליכער זינד צו גלויבען אין אזא מורא׳דיגען בלבול אויפ׳ן אידישען פאָלק און אויפ׳ן שטרענגען הייליגען מוסר היהדות פון דער רבנישער ליטעראַטור. ערשט די דאָזיגע שבועה אין טלית און תפילין האָט צומישט און צורודערט דעם אַלטען עקשן און אוועקגענומען ביי איהם די נאַרישע אמונה אין אזא שרעקליכען באַרבאַריזם ביים אידישען פאָלק. דורכ׳ן פּאַקט פון דער שבועה, איז דער אַלטיטשקער אזוי פאַרמאַטערט געוואָרען, אז זיין עלטער שוואַכקייט איז גרעסער געוואָרען פון טאָג צו טאָג און אידער ער האָט געקאָנט אדורכקעמפען זיך צו א שריפטליכען באַקענטניש. און צו אָן עפענטליכען וידוי איבער זיין שווערען לעבענס־טעות וועגען עלילת דם, האָט ער פאַרלוירען די לעצטע כחות מיט׳ן לשון און איז געשטאָרבען.

די ווירקונג פון דער שבועה איז געווען אזא דערשיטערענדע אז דער אַלטישקער האָט דערנאָך אָנגעהויבען צוריקציהען זיינע באַשולדיגונגען. אז די גאַנצע וועלט האָט איהם געטאָן אומרעכט און אפילו קייזער פראַנץ יאָזעף און דער וואַטיקאַן אין רוים זיינען דעמאָלט געשטאַנען אונטער אידישער השפּעה, ווען מען האָט איהם אָפּגעזאָגט פון אלע עפענטליכע עמטער. ער איז געווען דערשיטערט פון חרטה און תשובה און ווען ר׳ חיים בלאָך וואָלט ניט געווען מורא געהאַט די גרויסע אויפרעגונג זאָל ניט ברענגען תיכף דאָס אַלטע הארץ צום פּלאַצען, וואָלט ער תיכף נאָך דער שבועה געקאָנט האָבען א שריפטליכען וידוי פון פּראָפ. ראָהלינג אלס עפענטליכען דאָקומענט פאַר דער גאַנצער וועלט. מען האָט געוואָלט דוקא לאָזען איהם זיך באַרוהיגען אביסעל און קומען צו איהם א שטיקעל צייט שפּעטער. אָבער דורך דער שטאַרקער דערשיטערונג איז דער זקן ניט מעהר ארויס פון בעט און ניט געטאָרט מעהר רעדען מיט קיין מענשען. ער האָט זיך שווער אָפּגעמוטשעט די עטליכע וואָכען ביז דער טויט האָט איהם אויסגעלייזט פון מאַרטער און חרטה.

אַט די לעבענס־געשיכטע פון פּראָפעסאָר ראָהלינגס 18־יעהריגען אנטיסעמיטישען פּעריאָד:

אלס אָרענטליכער פּראָפעסאָר פון פּראַגער אוניווערזיטעט פאַר ביבעל און טעאָלאָגיע האָט ער עס. מיט דער צייט געבראַכט צו זעהר א הויכער מדרגה סיי אלס גלח און סיי אלס געלערנטער טעאָלאָג. ער איז געווען קאַנאָניקוס פון אַלער היילינסטע קאָלעגיאַט־קאַפּיטעל ווי אויך דעקאַן פון טעאָלאָגישען פּאַקולטעט און פון גייסטליכען דאָקטאָרען־קאָלעגיום. און זיין קאַריערע האָט זיך אָנגעהויבען מיט אַן אנטיסעמיטישען ווערק "דער תלמוד איד", אין וועלכען ער ברענגט "מאמרים" און כלומרשטע ציטאַטען פון דער גמרא און פון דער שפּעטערער רבנישער ליטעראַטור אז דער ריטועלער מאָרד ווערט דאָרט געלויבט.

שוין אַט דאָס ווערק מיט אזא שרעקליכען בלבול ווי אויך זיין צווייטע בראָשורע אלס ענטפער צו די רבנים האָבען ארויסגערופען א געוואַלדיגען שטורם, ווייל אין דער דעמאָלטיגער צייט פון עלילת דם פּראָצעס אין אונגאַרישען שטעטיל טיסא עסלאַר האָט דאָס דאָזיגע בוך געשפּיעלט א געפעהרליכע ראָליע. דאָס בוך האָט געהאַט 10 אויפלאַגען, אין אזעלכע מאַסען איז עס פאַרשפּרייט געוואָרען. דער עסטרייכישער קלעריקאַלער אנטיסעמיטיזם האָט שטאַרק געשטיצט פּראָפעסאָר ראָהלינגס קאַמפּיין „הינטער וועלכען עס איז געשטאַנען אויך דר. לועגער מיט זיין גאַנצער פאָלקס באַוועגונג, נאָר די קריסטליכע טעאָלאָגיע האָט זיך געהאַלטען רעזערווירט, ווייל זי האָט ניט געגלויבט אין דער עהרליכער וויסענשאַפטליכער ארבייט פון פּראָפעסאָר ראָהלינג.

שווער איז געוואָרען דער קאַמף, ווען פּראָפעסאָר ראָהלינג האָט זיך ערקלעהרט גרייט צום עדות זאָגען און צו א שבועה אין טיסא עסלאַר פּראָצעס, אז די אידען באַנוצען קריסטען־בלוט צו אידישע רעליגיעזע צוועקען.

דעמאָלט האָבען די באַריהמטע קריסטליכע טעאָלאָגען און הויכע קירכליכע וויירדענטרעגער פּראָפעסאָר פראַנץ דעליטש, פּראָפעסאָר שטראַק און פּראָפעסאָר געלדעקע אויפגענומען עפענטליך א ווינשאַפטליכען קאַמף געגען פּראָפ. ראָהלינג און מיט זייער וועלטבאַריהמטער וויסענשאַפטליכער אויטאָריטעט נאַכגעוויזען אז פּראָפעסאָר ראָהלינג האָט טיילס זעהר שלעכט איבערגעזעצט די מאמרי חז״ל און טיילס פּשוט געפעלשט און בכלל איז אלס דינג געווען א שלעכטע בעאַרבייטונג פון אייזענמענגערס בלבולים בוך פון 17־טען יאָהרהונדערט. דעמאָלט האָט אויך דער בעקאַנטער קעמפער דר. בלאָך אויפגענומען די גרויסע שלאַכט געגען פּראָפעסאָר ראָהלינג און איהם סוף כל סוף פאַרטיג געמאַכט. דר. בלאָך האָט באַשולדיגט עפענטליך פּראָפעסאָר ראָהלינג אז ער געהט אָפּלעגען א פאַלשע שבועה ביים טיסא עסלאַר פּראָצעס. פּראָפעסאָר ראָהלינג האָט פאַרקלאָגט דר. בלאָך ביים געריכט וועגען עהרענבאַליידיגונג, אָבער ער האָט דאַן צוריקגעצויגען די קלאַגע און געלאָזען אויף זיך זיצען דר. בלאָך׳ס שרעקליכע באַשולדיגונג.

דאָס געריכט האָט אויפגענומען אלס עקספּערטען איבער תלמוד די צוויי באַריהמטע דייטשע קריסטליכע געלערנטע געלדעקע און פּראָפעסאָר אויגוסט וואונשע, און זיי ביידע האָבען נאַכגעוויזען דאָס עם הארצות און פאַלשקייט פון פּראָפעסאָר ראָהלינג. כדי ניט פאַרלירען דעם פּראָצעס האָט ראָהלינג צוריקגעצויגען די קלאַגע און אנטלאָפען פון געריכט. קייזער פראַנץ יאָזעף און דער פויפּסט האָבען געלאָזען זיך באריכטען דורך אייגענע שליחים איבערן גאַנג פון פּראָצעס און ביידע האָבען איהם תיכף געלאָזט עפענטליך דורכפאַלען און איהם ארויסגעוואָרפען פון אלע עמטער, ווייל ער האָט קאָמפּראָמענטירט די גאַנצע קריסטליכע טעאָלאָגיע.

(איטא).

לאמיר זיך ענטוואפנען אויב מיר ווילען ניט אז די וועלט זאל אונטערגעהן ווארענט ענגלישער מיניסטער

וואס מען קען לערנען פון די לאנדאנער מיליטערישע מאנעוורעס.

פון מ. קאטץ

שוין א היבשע צייט ווי עס איז עפעס פארשטומט געווארען די ריידערייי און שרייבערייי וועגען ענטוואפענונג. טהיילווייז האט מען גערעכנט אז די אורזאכע דערפון איז דער אומשטאנד, וואס די מלוכות פון מדינות זיינען אזוי פארנומען מיט דעם עקאנאמישען פראבלעם. אומעטום אזא דעפרעסיע, אזא ארבייטסלאזיגקייט, האט די דאזיגע עקאנאמישע פראגע פארשלונגען אלע אנדערע. אויף עפענטליכע פארזאמלונגען, אין דער פרעסע ווערט אלעם אנדערעם פארדונקעלט און די הויפט אויפמערקזאמקייט ציהט אויף זיך די עקאנאמישע סיטואציע.

טהיילווייז האט מען אויך גערעכנט, אז טאקע אט די עקאנאמישע סיטואציע וועט מוזען פאראורזאכען מלחמה. און ווי באלד אז יעדע מדינה האט מורא פאר א קריעג, וואס מוז קומען, האט אט דער שרעק, וואס שוועבט איבער די קעפ וועגען א מלחמה, וואס מוז קומען ווי א פאטאלע, אונפארמיידליכע ערשיינונג געבראכט דערצו, מען זאל אויפהערען ריידען וועגען ענטוואפענונג. ווארום אויב מלחמה מוז מען זיך דאך בעוואפענען. און טאקי וואס מעהר, אלס באשיצונג געגען א פלוצלינגען אויסברוך פון קריעג. באזארגען זיך על כל צרה שלא תבוא.

קלינגט שוין עפעס איצט ווי א מין איבערראשונג א רוף צו ענטוואפענונג. א רוף, וועלכער קומט אלס א ווארנונג דוקא פון ענגלאנד. און הערט מען זיך צו צו דער ווארנונג, וועלכע קומט פון דעם ענגלישען אויסלענדישען מיניסטער, ארטור הענדערסאן, ווערט פשוט פארקיהלט דאס בלוט אין די אדערען.

מר. הענדערסאן האט זיך געווענדעט מיט זיין רוף צו די פרידענס־געזעלשאפטען פון ענגלאנד, פאדערענדיג, אז זיי זאלען אנווענדען אלע אנשטרענגונגען צוצוגרייטען די עפענטליכע מיינונג פון גרויס־בריטאניע פאר דער וועלט־ענטוואפנונגס־קאנפערענץ, וועלכע וועט אפגעהאלטען ווערען אין פעברואר איבער א יאהר.

באגרעניצען בעוואפענונג איז ניט גענוג — האט ער ערקלעהרט — דאס וועט ניט ראטעווען די וועלט. עס מוז פארהאנדעלט ווערען טאקע פאלשטענדיגע ענטוואפענונג. און דאס הענגט אפ פון דער עפענטליכער מיינונג פון די פעלקער גופא.

— אויף די ענטוואפענונגס קאנפערענצען, זאגט ער, ווי אויף אלע אנדערע קאנפערענצען, האנדלען רעגירונגען לויט דעם ווי עס איז די שטימונג פון זייערע פעלקער — און דאס זאג איך אלס אן אלטער פאליטיקער — אויב די פעלקער זאלען באמת וועלען ענטוואפענונג, קאנען זיי דאס אויספיהרען. זיי קאנען אויסאיבען זייער ווילען, וואס זאל ברענגען אזעלכע רעזולטאטען.

"אויב די ציפערס אויף דער קומענדער קאנפערענץ וועלען ווייזען א פארגרעסערען פון בעוואפענונג, ווי דאס געהט איצט אן, וואס פאר א שרעקליכען חורבן דאס וואלט בעדייטען! און אויב עס זאל מעהר ניט געטאן ווערען ווי בלויז באגרעניצען בעוואפענונג, עס זאל בלייבען ביי דעם וואו מען האלט איצט, וואס פאר אן ענטוישונג דאס וואלט געווען פאר די פריינד פון פרידען!

"אדער וועט טאקע אויסגעפיהרט ווערען ווירקליכע רעדוצירונג און ווירקליכע פארקלענערונג פון די מיליטערישע לאסטען, וועלכע עס ליגען איצט אויף די פעלקער? צו וועט די קומענדע קאנפערענץ טאקע זיין באמת אן אנפאנג דערפון אדער דאס וועט בלייבען בלויז אן אנשטעל? אט דאס וועט אפהענגען פון דער עפענטליכער מיינונג פון די פעלקער. אויב עס זאל דעם מאל אויך ניט געמאכט ווערען אזא אנהויב, וועט דאס שוין אפשר קיין מאל ניט צושטאנד קומען...

"א קומענדע מלחמה וועט דאך ניט זיין אזא ווי די לעצטע איז געווען. זי וועט זיין אונפארגלייכבאר ערגער. א גרויסער מיליטערישער עקספערט האט געזאגט, אז אין דער לעצטער מלחמה האבען מיר אויסגעהרג'עט אין ריטייל, אבער אין א קומענדער מלחמה וועלען מיר עס טאן אין האלסייל. דער נעקסטער קריג אויב ער זאל נאר אויסברעכען, וועט אויסגעקעמפט ווערען דורך לופט־שיפען און אזעלכע לופט־שיפען וואס וועלען ארויסלאזען גיפטיגע גאזען.

"יעדעס יאהר מאכען אונזערע מיליטערישע לופט־שיפען מאנעוורעס איבער לאנדאן. האט עמיצער ווען א טראכט געטאן וואס די דאזיגע מאנעוורעס בעדייטען? זיי בעדייטען אז אונזער שטאט, ווי אלע אנדערע שטאט, ערווארט איצט אז די נעקסטע מלחמה וועט באשטעהן אין אטאקעס אויף די גרויסע צענטערען פון אינדוסטריע און אויף דער ציוויליער באפעלקערונג.

"אומזיסט וועלען זיין אונזערע פראטעסטען, אז אזא קריעגס־פיהרונג איז אן אינטערנאציאנאלער פארברעכען. מיר האבען שוין גענוג געלערנט, אז עס איז ניט אין אונזערע כחות צו הומאניזירען מאדערנע קריעגס־פיהרונג. אויב מאל ברעכט אויס מלחמה, איז ניטא קיין מענש און קיין רעגירונג, וועלכע זאלען זי קאנען קאנטראלירען.

"עס איז גאר קיין שום ספק ניטא, אז אויב עס וועט פאסירען א מלחמה וועט זי מיינען אזא פארניכטונג פון לעבען און אין אזא מאס ווי ווייט אונזער פאנטאזיע קאן דאס גאר ניט פארשטעלען — א פארניכטונג וואס וועט, לויט אלע וואהרשיינליכקייטען אפווישען די סאמע ציוויליזאציע אין וועלכער מיר לעבען.

"מיר גלויבען דערפאר אין דעם פאריזער אפמאך, ווייל מיר גלויבען, אז וואפען איז א דומער מיטעל פאר שליכטען אינטערנאציאנאלע סכסוכים. פאר אונז איז דאס אן אפמאך וואס מיינט אז עס ווערט פארווארפען די באנוצונג פון געוואלד אין אינטערנאציאנאלע אנגעלעגענהייטען. און די פארווארפונג פון געוואלד מיטלען דארף מיינען דאס אויפגעבען פון קריעגס מיטלען.

"איך האף אז איהר וועט ווייזען די רעגירונגען, אז ווי ווייט זיי וועלען דאס זוכען אויפצוטאן וועלען זייערע פעלקער זיין מיט זיי. איך האף אז איהר, די פרידענס געזעלשאפטען וועלען אנהויבען אן אפענעם קאמף געגען דעם אנארכישען מיליטאריזם און איהר וועט ווייזען פאר די רעגירונגען פון דער וועלט, אז די נייע ארדנונג, וועלכע מיר האבען אנגעהויבען דורך דער ליגע אף ניישאנס, זאל און מוז דערפיהרט ווערען ביז א טריאומף."

איך האב געבראכט אט דעם אויסצוג פון דעם ענגלישען מיניסטערס רעדע, ווייל די ווארנונג אין איהר איז אזא מורא'דיגע אז עס לאזט זיך ניט גלויבען דאס זי זאל ניט אפשרעקען די פעלקער. און עס איז דאך באמת קיין צווייפעל ניט, אז ווען אין די פעלקער אליין זאל הערשען א שטימונג און טאקע אן אקטיווע שטעלונג, אז עס מוז אויפגעגעבען ווערען בעוואפענונג און אז עס מוזען אויפהערען צוגרייטונגען פון קריעגס מיטלען וועלען זיי אויפהערען.

אין פארבינדונג דערמיט איז אפשר זעהר וויכטיג די נאכריכט, אז די סאוועט רעגירונג, די טערקיי און אייזלאנד האבען באקומען די איינלאדונג פון דער ליגע אף ניישאנס אנטהייל צו נעהמען אין די פארהאנדלונגען פון דער קאמיסיע, וועלכע פארשט אויס פאר דער פארווירקליכונג פון בריאנ'ס פלאן וועגען א פעדעראציע — פון די אייראפייאישע מדינות.

מאסקווע האט דארויף געענטפערט, אז זי נעהמט אן די איינלאדונג, נאר זי פארהאלט פאר זיך דאס רעכט צו דעפיניערען שפעטער ווי איהר שטעלונג וועט זיין אין באצוג צו איהר באטייליגונג אין דער קאמיסיע.

אין א נאטע, וועלכע ליטווינאוו האט צוגעלייגט צו דער אקצעפטירונג פון דער איינלאדונג, ערקלעהרט ער, אז ער איז אין צווייפעל צו דאס מיינט איין גרופירונג פון אייראפייאישע מלוכות, אדער דאס מיינט צוויי געגנגעזעצטע גרופעס פון מעכטע.

"ווארום עס זעהט אויס אנדערבאר — זאגט ער — וואס א גרופע פון אייראפייאישע מדינות זאל זיך נעהמען דאס רעכט צו ענטשיידען צו מען זאל צולאזען אדער ניט צולאזען אן אנדער גרופע פון אייראפעאישע מדינות אין א פעדעראציע, וועלכעס מען באצייכענט אלס פאן אייראפא. איבערהויפט נאך ווען אזא לענדער ווי די שווייץ וועמענס טעריטאריע פארנעהמט אין גאנצען פיער צעהנטעל שען שטח, אדער קליין לאנד ווי נארוועשען שטח, אדער אזא קליין לאנד ווי נארגען זאל זיך אוועקשטעלען געגען דער צולאזונג פון אזא מלוכה ווי דער פארבאנד פון סאציאליסטישע סאוועט רעפובליקען, וועלכע פארנעהמט אין אייראפא אליין פינף און פערציג פראצענט פון דער גאנצער אייראפעאישער טעריטאריע, און איז צוויי מאל אזוי גרויס ווי פראנקרייך, בעלגיע, רומעניע, יוגא־סלאוויע, האלאנד, שווייץ, שפאניע, שוועדען, נארוועגען און דענעמארק צוזאמענגענומען.

האט אט די קאמיסיע וועגען פאן אייראפא דירעקט קיין שייכות ניט מיט דער צוגרייטונג צו דער ענטוואפענונגס קאנפערענץ, וועלכע דארף אפגעהאלטען ווערען איבער א יאהר אין פעברואר. עס קען דאך אבער קיין צווייפעל ניט זיין אז אויב סאוועט רוסלאנד וועט זיך באטייליגען אין דער קאמיסיע פאר פאן אייראפא און אויב עס זאל טאקע מעגליך ווערען אזא פלאן פון א פאן אייראפא, אין וועלכער עס זיינען ניטא קיין באזונדערע גרופירונגען, נאר אייראפייאישער פעלקער פארבאנד וואלט אזא אויפטהו שוין געווען כמעט ווי א זיכערקייט, אז א קומענדע ענטוואפענונגס קאנפערענץ זאל טאקע פיהרען צו ענטוואפענונג. ווען אפילו די פאן אייראפא זאל האבען דעם אויסשליסליכען צוועק פון פארשטענדיגען זיך עקאנאמיש.

אייגענטליך איז דאך די גאנצע מאדערנע פאליטיק אן עקאנאמישע פאליטיק און ווען מען בילדעט שוין א פארבאנד דורך עקאנאמישע פארשטענדיגונג, בלייבען שוין ווייניגע אורזאכען פאר פאליטישע רייסערייען.

קאן זיין טאקע אז דער פחד פאר א קריעג, וועלכער וואלט זיין א סכנה פאר אלע לענדער פאר דער גאנצער מענשהייט, זאל ברענגען רעזולטאטען פון באמת זוכען אויסצופיהרען ענטוואפענונג!

אידען אלס מיליטערישע מאכט אין מיטעלאלטערליכע אייראפא

מיר אידען האבען היינט א גאנצע פאלשע פארשטעלונג פון דער ראלע וואס האבען געשפיעלט אין מיטעלאלטער. מיר מיינען אז די מיטעלאלטערליכע אידען זענען שטענדיג געלעגען אין זייערע געטהאס און האבען געהאנדעלט מיט אלטע קליידער און געזאגט תהלים. דער אמת איז אז אפילו אין די פענסטערסטע טעג פון מיטעלאלטער האבען אידען געשפיעלט א גרויסע ראלע אין דער אייראפעאישער פאליטיק, און אפילו אין דעם מיליטערישען לעבען.

אזוי האט א איד מיט דעם נאמען שלמה בן יהורין אין יאהר עלף הונדערט און ניינציג קאמאנדירט די פארטוגעזישע ארמיי און ער איז געווען דאן בעריהמט אלס פעלדמארשאל.

נאך אין זעקסטען יאהר הונדערט האבען זיך די אידען פון נאפאל אויסגעצייכענט מיליטעריש, ווען אידישע רעגימענטער האבען פארטיידיגט די שטאדט געגען די ארמיי פון בעליזאר.

ווען די שטאדט פראג איז געווען בעלאגערט פון אן ארמיי פון רויבער האבען די אידען אזוי טאפפער פארטיידיגט די שטאדט אז זייערע קריסטליכע שכנים האבען זיי באלוינט מיט אן אויסצייכענונג, אין דער פארם פון א נייער שוהל אין פראג.

דער מיטעלאלטערליכער קריסטליכער יוריסט דיעטריך אין זיין בוך "דער סטאטום פון די אידען אין די קריסטליכע רעפובליקען" (דע סטאטו יודעארום אין רעפובליקא קריסטיאנארום) פיהרט אן דעם מערקווירדיגען פאקט אז אין דרייצעהנ־

דער אידישער קאמפאזיטאר יוסף רומשינסקי איז 50 יאהר אלט געווארען

יוסף רומשינסקי'ס ווירקונג פאר'ן אידישען טעאטער און פאר חזנות אין אמעריקע. — איינגע ווערטער וועגען יוסף רומשינסקי דעם מענש און קינסטלער.

פון יעקב קירשענבוים

יוסף רומשינסקי, דער לאנגיעהריגער פיהרער, — און גלענצענדער פיהרער פון דער אידישער אפערעטע, איז די טעג 50 יאהר אלט געווארען. ער וואס איידעלט אויס די אידישע נגינה, ער וואס נעהמט פאלקס־טענער און גיט אין זיי אריין אזוי פיעל קאליער, אזוי פיעל חן, אז ממש איהר דאוונט זיינע ליעדער, — אט דער דאזיגער קאמפאזיטאר, וואס האט אריינגעבראכט א נייע ווענדונג אין דער אידישער אפערעטע, איז ערשט 50 יאהר אלט, און אונז האט זיך תמיד געדוכט, אז פון איהם זינגט ארויס דער צוויי טויזענט יעהריגער גלות פון זיין פאלק.

מיר זענען זיך מודה, אז מיר קענען דערווייל ניט אזא מין אידישען קריטיקער, וואס זאל קענען אריינדרינגען אזוי טיעף אין די סודות פון זיין שאפען, אז מיר זאלען קלאהר קענען זעהען יוסף רומשינסקי דעם דיריגענט, דעם מוזיקער און דעם קאמפאניסט. מיר רוכט זיך, אז ער לעבט צו נאהענט מיט אונז, און צווישען אונז, אז מיר זאלען איהם קענען גענוי אפשעצען.

ביי זיי, ביי די קריסטען, איז עס אויך ניט אנדערש. — אט האט געמוזט קומען פראנץ ווערפעל און אנשרייבען א ווערק איבער ווערדי. — איהר זעהט, אט דאס איז דער גורל פון אונזער פאלק. מיר באזינגען פרעמדע בעת אייגענע פארזעהען מיר. אין די לעצטע יאהרען איז אין דער דייטשער שפראך געשאפען געווארען א גאנצע ליטעראטור פון דייטש־אידישע שריפטשטעלער וועגען קריסטליכע קינסטלער. אזא שריפטשטעלער ווי עמיל לודוויג האט אפגעשעצט געטהע'ן, נאפאלעאנ'ען און ביסמארק'ן.

פראנץ ווערפעל, וועלכער איז איצט איינער פון די פראמינענטעסטע דייטשע שריפטשטעלער, האט אנגעשריבען א בוך איבער דעם איטאליענישען קאמפאזיטאר ווערדי. — אונז האט זיך אויסגעוויזען, אז מיר האבען שוין אלעס געוואוסט וועגען ווערדי'ן. מיר האבען געוואוסט, אז ווערדי האט פארפאסט „אידא", „טראוויאטא", „ריגאלעטא", און מיר האבען זיך אפט געקוויקט מיט די זיסע מעלאדיעס, אבער דורך ווערפעל'ס נייעם בוך באקומען מיר א גאנץ אנדערען בליק אויף דעם גרויסען קינסטלער. מיר קוקען איצט אויף ווערדי'ן מיט אויגען פון ליעבע. ווערפעל האט ארויסגענומען דעם מענש ווערדי און איהם דערנעהנטערט צו אונז. מען פיהלט, אז ווערפעל באוואונדערט דעם אמאליגען פויערים־זוהן ארגאניסט, וואס האט געשטרעבט צו זיין א גאט. — ווערפעל צייכענט בולט דעם מענש ווערדי און רייסט ניט ארונטער פון איהם די לעגענדע. — אט דאס איז געווען א גרויסער דיכטערישער אויפטו. — ביי אונז אין אונזער אייגענער אידישער וועלט, באמיהט מען זיך מיט אלע קרעפטען צו „ענטהילען" און ארונטערצורייסען די לעגענדע פון יעדען קינסטלער, מען ציהט איהם צוערשט אריין אין אפגרונד, און דערנאך צייגט מען אן אויף זיינע חסרונות, און אז עס געלינגט ניט צו צושטערען דעם מענש, דאן צושטערט מען די קונסט וועלכע ער שאפט. דער דייטש־אידישער קריטיקער אלפרעד קער דערלויבט זיך צו שרייבען אויף דעם אדער אויף יענעם קינסטלער, אז ער ברענגט מיט זיך פייער, עפעס ווי א שאס פון א געוועהר. — ווען א אידישער קריטיקער זאל דאס זעלבע זאגען אויף א אידישען שוישפילער וואלט מען פראבירט זיינע ווערטער אפצולאכען. — דא לאכט איינער פון צווייטען, און אויף אזא אופן פארטרייבט מען מיט אייזערנע ריטער דעם יום־טוב געפיהל פון דער אידישער גאס.

מיר מוזען וויסען, אז אין דער קונסט איז פארט ניט פאראן אזא מין זאך ווי „באזשע־דוך". צו באשאפען א קונסט־ווערק מוזען זיין א פאראייניגונג פון קינסטלער וואס האט באמת טאלאנט, און דעם פובליקום, וואס פארשטעהט און שעצט, און ווען אונזערע אייגענע „בעזבאזשניקעס" פארגיפטען די ברונען פון וועלכע מיר מוזען טרינקען איז קיין וואונדער ניט, ווען אזא גרויסער פיעלזייטיגער טעאטראל מוזיקער ווי יוסף רומשינסקי, מוז אויף א שטילען און באשיידענעם אופן פייערען זיין 50 יאהריגען געבורטסטאג. אין אזא שטאדט, ווי ווין, מאכט מען מוזיקער ווי לעהאר, קאלמאן און די אנדערע, גרויסע פייערונגען לכבוד זייער געבורטסטאג, און ביי אונז קומט מען עס אפ מיט א באמערקונג, מיט א נאטיץ אין א צייטונג.

אידען קינסטלער זענען פאראן א סך, קונסט־האנדלער אידען צופיעל, נאר קיין בעלנים אויף אידישער קונסט צווישען אידען זענען נישטא. באטש דער גרויסער עולם איז גלייכגילטיג האלט אבער אין איין אויסוואקסען א גאנצער בוים פון אידישע קינסטלער אויף וועלכע די אידישע קונסט וואלט געקאנט וואקסען אלס נאטירליכע פירות, ווען מיר אידען וואלטען זיך באצויגען צו אונזערע קינסטלער, ווי יעדעס געזונטע פאלק באציהט זיך צו איהרע.

* * *

יוסף רומשינסקי, דער באריהמטער מוזיקער און קאמפאזיטאר, איז 50 יאהר אלט געווארען. — דעם דאזיגען „סוד" האט אונז „פארטרויט" דער פרעזידענט פון חזנים פארבאנד, יעקב ראפאפארט, ביים חזנים קאנצערט אין מעקא טעמפעל, דעם ערשטען פעברואר 1931. — מיר זאגען דעם דאזיגען סוד, ווייל זעהענדיג רומשינסקי'ן אין זיין טעאטער אלס דיריגענט, הערענדיג רומשינסקי'ס מעלאדיעס אין זיינע אפערעטען, און זיינע קאמפאזיציעס ביים חזנים קאנצערט, קען מען באקומען דעם איינדרוק, אז דער שאפער פון דער דאזיגער מוזיק, איז נאך גאר יונג, ווייל פון זיינע טענער שפראצט מיט לוסט, מיט לעבען וואס רופען אייך צום קאמף פאר א שעהנערער און בעסערער וועלט.

וועגען רומשינסקי דעם מוזיקער, דעם דיריגענט, האבען שוין פיעלע שרייבער ארויסגעזאגט זייער מיינונג, און מיר אליין האבען שוין געגעבען א גרעסערע אפשעצונג וועגען זיינע שאפונגען פאר דער אידישער ביהנע. רומשינסקי איז אבער א מענש וואס פארמאגט עטליכע טאלאנטען. — ער שרייבט, און אפט לייענען מיר זיינע ארטיקלען מיט גרויסער שפאנונג. ער פארמאגט אן אמת'ן אידישען הומאר, און איז באקאנט אלס איינער פון די קלוגע טאקטיקער.

פאר די וואס קענען יוסף רומשינסקי פון וויטענס איז גאר קיין ספק ניט אז ער איז א שטרענגער, פעסטגעזעצטער מענש, מיט א שטארקען און גוט־דורכגעטראכטען פראגראם. — אין אמת'ן אבער איז דער גרויסער קאמפאזיטאר אין זיין פריוואט לעבען, ווי א קליין קינד. ער איז הילפלאז, און ווערט בעאיינפלוסט פון זיינע ארומיגע „מענשעלעך". אפט פאלט רומשינסקי אריין אין א קינדערישער נאאיוויטעט, און דאס איז אפשר דער סוד פון זיין גרויסען טאלענט. ער האט אלע מעלות און אלע חסרונות פון א קינסטלער. ער ווערט „אויסגענוצט" פון כיטרע קאריעריסטען, וואס דערהויבען זיך דורך זיינע טענער ביז צום העכסטען שטאפעל פון לעבען.

ווען איהר קענט רומשינסקי'ן, דאן ווייסט איהר, אז זיין טאקט, זיין טאלענט און זיין שעפפערישע טעטיגקייט זעהט איהר בלויז בעת ער האלט זיין צויבער־שטעקעלע און דיריגירט זיין ארקעסטער, אדער ביי זיין ארבייט אין זיין סטודיא, וואו ער שרייבט זיין מוזיק. דאס שעהנסטע וואס מען קען זאגען וועגען דעם „יונג־אלטען" קאמפאזיטאר איז, אז ער ליעבט זיין ארקעסטער, ווי א פעלדמארשאל זיין ארמיי. שוין באלד 30 יאהר ווי ער פיהרט אן זיין ארמיי אהין און אהער, אן איבערייס און אן ערמידונג.

געבוירען איז רומשינסקי אין ווילנא, און ער איז שטאלץ דערויף וואס ער איז געבוירען געווארען אין דער שטאדט וואו עס איז געבוירען געווארען אב. קאהאן, רעדאקטאר פון „פארווערטס". זיין ערשטען ערפאלג האט רומשינסקי געהאט מיט דער אפערעטע „שיר השירים", ליברעטא פון אנשעל שאר. דאן האט ער געשריבען צעהנדליגע אנדערע אפערעטען, ווי דעם „רבינ'ס נגון", ליברעטא פון גרשם באדער, און „יאנקעלע", פון י. קאליך. דאס מוזיקאלישע פאך איז ביי איהם אן עבודה קדושה. ער באציהט זיך צו זיין דירעזשירען און קאמפאנירען מיט דעם שטארקסטען ערנסט. יעדען אקארד, יעדע פראגע און מוזיקאלישע קאמבינאציע, וואס ער שאפט פאר'ן ארקעסטער, וואלט ער געוואלט, אז יעדער איינער וואס הערט די מוזיק, זאל פיהלען דעם געזאנג און פאנטאזיע, וואס ער אליין פיהלט בעת ער שאפט די זאך.

„מוזיק־גריבלער" שטעלען אפט די פראגע, — איז פאראן אידישע מוזיק? — און מיר קענען ענטפערען מיט א באשטימטען — יא! עס פארשטעהט זיך, אז מיר אידען זענען צוזייעט און צושפרייט, און אין יעדען לאנד זינגען מיר אנדערש. דא אין אמעריקא דוכט זיך אונז זינגען נארניט אידען, און רומשינסקי באנוצט זיך דאריבער מיט די היימישע מעלאדיעס. מוזיק פונקט ווי די ליטעראטור ווערט בעאיינפלוסט פון אנדערע פעלקער. אידען אין ארץ ישראל זינגען, און מען גלויבט, אז זייער ליעדער איז בעאיינפלוסט פון אראבער און טערקען, און זייערע מעלאדיעס זענען דאריבער זעהר אריענטאליש. עס מוז אבער געזאגט ווערען, אז דער דאזיגער פרעמדער איינפלוס שטערט ניט אידישע קינסטלער צו שאפען מיט אייגענע קרעפטען. מען זאגט, אז אפילו די מוזיק פון חזנות איז שטארק בעאיינפלוסט פון ניט אידישער מוזיק. עס קען אבער אויך זיין, אז די אלטע סינאגאגען־מוזיק איז אריין אין דער מוזיק פון דער קירכע. מיר ווייסען, אז אידישע מוזיק איז רייך אין ניואנסען, מעלאדיעס און הארמאניע. רומשינסקי איז באקאנט אלס מייסטער פון ארקעסטרירונג, און דאס באווייזט ער ניט נאר ביי דער ארקעסטרירונג פון זיינע אפערעטען, נאר ער האט עס באוויזען ביים לעצטען חזנים קאנצערט. ער האט צוזאמענגעשטעלט צוויי הונדערט גענויטע און גוטע חזנים, וואס יעדער פון זיי איז א וועלט פאר זיך, און זיי פארוואנדעלט אין איין גרויסען כאר. דאס הייסט פשוט, אז ער האט גענומען „גענעראלען" און זיי געשיקט אין דער ערשטער „פייער ליניע". מיר ווייסען, אז א פעלד־מארשאל קען פיהרען א מלחמה מיט פראסטע סאלדאטען, צוזאמענצושטעלען אן „ארמיי" פון סאמע גענעראלען מוז מען זיין אן אונגעהייערע קראפט, און אזא מין גענאלער מענש איז יוסף רומשינסקי.

„אידישע קונסט" — פארלאנגט מען פון אונזערע קינסטלער.

זאלען נאר זיין אידען קינסטלער, און די אידישע קונסט וועט שוין במילא זיין!

אמאל איז געווען ליכטער צו שאפען ריין אידישע קונסט מיט טראדיציאנעלע אידען, וואס האבען געהאט אויך א געוויסע אייגענארטיגע אויסערליכע פיזיאנאמיע. דורך דער אויסערליכקייט האט זיך אפגעשפיגעלט א סך אינערליכקייט. ווי דער גרים קומט צו הילף דעם אידישען ביהנען־קינסטלער צו שאפען די ערשטע אילוזיע פון אידישען טיפ, פונקט אזוי העלפט דאס אלגעמיינע אידישע לעבען דעם מוזיקער צו שאפען ריין אידישע מוזיק. — אהן א אידישער אטמאספערע, אהן א אידיש־טראדיציאנעלען לעבען קען מען קיין אידישע מוזיק ניט שאפען.

אין א געוויסער הינזיכט איז איצט איבערהויפט פארווישט געווארען די ספעציפישקייט פון יעדער נאציאנאלער קולטור ביי אלע קינסטלער פון דער וועלט. אלע קונסטען — אחוץ די אריענטאלישע — האבען זיך כמעט ווי אויסגעמישט אין איין אייראפעאישען מאדערניזם, און אויף ווייפיעל דער פראנצויז, אמעריקאנער, ענגלענדער און דייטש קען שאפען נאציאנאל, אויף אזויפיעל קען אויך דער אידישער קינסטלער זיין נאציאנאל־אידיש. צו מיר ווילען צי ניט. ביי אלע פעלקער זעהען מיר, ווי די קינסטלער „גידערן" ארונטער צו די „קופער". עס פארשטעהט זיך, אז די קינסטלער ליידען דאבי, אבער מיר אידען קענען ניט זיין קיין אויסנאהם. די אמעריקאנער אידען האבען א סך געשטערט די נאטירליכע קונסט־נייגונגען פון יוסף רומשינסקי'ן.

* * *

ווען איהר קומט אריין אין טעאטער און דערזעהט רומשינסקי'ן, ווי ער דירידזשירט זיין קליינעם ארקעסטער, מיט אזא מיט טעמפעראמענט און אזא ברייטען פארנעהם, ווי ער דירידזשירט ניט „גנבה'שעליעבע", דעם „רבינ'ס נגון", אדער „שולמית", נאר בעטהאווענ'ס 9־טע סימפאניע. זיינע אויגען בעת מעשה ווערען אנגעצונדען מיט א הייליג פייערל, און זיינע הענט ארבייטען מעשים. — אט רוקט זיך אייך, ווי ער ציהט ארונטער די זינגער פון דער ביהנע, אדער ער דערהויבט די מוזיקער צו די זינגער. זיינע הענט שוועבען אין דער לופטען, שניידען דעם טאקט, האקען אויס דעם ריטם, און גיבען דעם טעמפא. — מען שפירט גלייך, אז מוזיק, — געזאנג איז דער עיקר. און ווי איינפאך, ווי פרימיטיוו, אדער ארעם דן מוזיק זאל ניט זיין, פיהלט איהר אבער, אז דורך זיינע הענט, און דורך זיין צויבער־שטעקעלע ווערט אלץ פארשעהנערט, און אין אלץ בלאזט ער אריין א נשמה.

אפט באקום איך דעם איינדרוק, אז אזא פאכמאן ווי רומשינסקי וואלט זיך געווידמעט דער סימפאניע, וואלט ער זיכער געווארען איינער פון אונזערע בעסטע און גענאלסטע סימפאנישע דיריזשארען און קאפעלמייסטער. ער איז אבער א קינד פון אידישען טעאטער, און צוזאמען מיט אדלער'ן, קעסלער'ן און טאמאשעפסקי'ן האט ער געהאלפען בויען דעם בנין. ער האט זינגענדיג דערהויבען דאס אידישע טעאטער צו א מאדערנער אינסטיטוציע. א דאנק זיינע באמיהונגען איז די אידישע אפערעטע אריין אין דעם קונסט רינג פון אידישען טעאטער.

אנגעהויבען האט רומשינסקי אלס קינד, זינגענדיג אין דער ווילנער שוהל, וואו זיין אנקעל איז געווען א מגיד. ער האט דאריבער גע'ירשנ'ט דעם פונק פון דער אידישער נגינה פון זיין פאמיליע, און האט זי אריבערגעבראכט צום אידישען טעאטער. אלס 13 יעהריגעס אינגעל האט ער שוין דירידזשירט מיט כאהן. ער איז געווען איינער פון די ארגאניזאטארען פון דער מוזיקאלישער ארגאניזאציע „הזמיר" אין לאדז, פוילען, מיט וועלכע ער האט אנגעפיהרט גרויסע אראטאריעס אין העברעאיש, און ווען ער איז געקומען קיין אמעריקא איז ער גלייך אנערקענט געווארען אלס גרויסער מוזיקער און דיריגענט, אזוי אז כמעט אלע טעאטערס האבען זיך באמיהט איהם צו געווינען פאר זייער טעאטער, און איצט איז רומשינסקי א פירמע פאר זיך אליין. ער איז ניט נאר איצט באריהמט אלס קאמפאזיטאר פון פיעלע אידישע אפערעטען, נאר ער איז אויך באקאנט אלס קאמפאזיטאר פון פיעלע־אידישע תפלות ווי: „אז ישיר", „שמע קולנו", „אל תירא" און אנדערע. דורך זיינע תפלות וועלען די חזנים אין אמעריקא פיעל געווינען, ווייל חזנות וועט זיך פשוט דערהויבען צו א קונסט, ווי מיר האבען עס געזעהען ביים חזנים קאנצערט אין מעקא טעמפעל דעם ערשטען פעברואר 1931.

(פארזעצונג אויף פיידזש 2)

גיט זיך א פענשאן!

$100 א חודש צו 60 יאר, אזוי לאנג ווי איר לעבט (גאראנטירט פאר 10 יאר, טויט אדער לעבעדיג) —

ווענינגסטענס $10,000 פאר דער פאמיליע אין טויטענפאל פאר 60 —

$20,000 אויב דער טויט קומט פון אן עקסידענט —

אויב איך גאנצען א קאליקע פאר 60, אן איינקונפט פון $100 מאנאטליך נאך פיער חדשים, די פארזיכערונג אין קראפט, רעגולערע דיווידענדס געצאלט, און איר דארפט ניט צאלען קיינע פרעמיומס ווי לאנג "דיסאייבעלד".

דיווידענדען געצאלט איידער די פענסיע הויבט זיך אן, און פאר צען יאר שפעטער.

צו 60 יאר קען מען סעטלען לויט דעם אייגענעם אויסוואל.

דאס אויבינע איז איינע פון די פענסיע פאליסיס, וואס מען קען באקומען פון דער קאמפאניע. א פאליסי קען אראנזשירט ווערען צו צופאסען אייער נויט. אז איר אינוועסטירט אין לעבענס־פארזיכערונג, באזארגט איר איינקונפט פאר אייך און די פאמיליע, ווען איר דארפט עס אמנויטיגסטען, און איר ווייסט אז דער קרן איז אבסאלוט זיכער, אזוי גוט ווי דער אינטערעסט.

אונזערע פארטרעטער וועלען אייך מיט צופרידענהייט געבען פולע אינפארמאציע וועגען א פענשאן־פאליסי פאר אייך. אדער אויב איר ווילט, שרייבט אונטען אן אייער נאמען און אדרעס, און מעילט עס דירעקט צו אונזער הויפט אפיס פאר ליטעראטור.

Name ____________

Address ____________

• • •

THE
MUTUAL LIFE
ASSURANCE COMPANY
OF CANADA
HEAD OFFICE—WATERLOO, ONT.
Established 1869

טאראנטאר אפיסעס: קענעדע פערמאנענט בילדינג — פאן עלגין 5356; רומס 8־601 טאראנטא דיילי סטאר בילדינג, פאן עלגין 8374.

N2

פארדארבענע דעם מאגען?

נעהמט גלייך

עקס־לאקס
(EX-LAX)
(אין ענגליש)

דער טשאקאלאד מאגען רעגולירער

אין איינצעלנע שטונדען וועט איהר פיהלען פריש און מונטער.

אין אלע דראג סטארס.

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
THE HEBREW JOURNAL
PUBLISHED BY
JOURNAL PRESS, LIMITED
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
542 DUNDAS ST. WEST. Telephone Trinity 6830-6831
M. Clavir, Pres. and Gen. Mgr.
Subscription Rates: $6 PER YEAR $3.50 SIX MONTHS
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O., Toronto, January 22nd, 1913
Single Copy—3 cents

מצות און די מערב-קאנאדער פארמערס

האָנ. ראבערט וועיר, דער פעדעראלער אגריקולטור מיניסטער איז לעצטע וואך געווען אין וויניפעג. און זייענדיג דארטען האט ער געהאט א צאל קאנפערענצען מיט אידישע געשעפטסלייט וועגען דעם פלאן צו אנטוויקלען אין קאנאדע א גרויסע מצה־אינדוסטריע.

אויבנאויף זעט עס אויס גאנץ קאמיש ווען מען הערט אז א גוי, און דערצו נאך אזעלכער וואס שפיעלט איצט אזא וויכטיגע ראליע אין׳ם קאנאדער עפענטליכען און פאליטישען לעבען, אינטערעסירט זיך אזוי צו אנטוויקלען א ברייטע מצה־אינדוסטריע. אבער ווען מען באגרייפט טיפער די זאך, זעט מען אז עס איז גארניט קאמיש.

עס איז אויסגערעכענט געווארען אז אין פארלויף פון דעם פארגאנגענעם יאר אליין האט מען אימפארטירט פון די פאראייניגטע שטאטען מצה און מצה־פראדוקטען אין ערך פון א האלבען מיליאן בושעל ווייץ.

און אין דער צייט ווען אזוי פיעל בושעל ווייץ (אין מצה־פראדוקטען) איז אהער אימפארטירט געווארען פון די פאראייניגטע שטאטען ליגען דערווייל די עלעוויטארס איבערגעפאקט מיט האלב־צופוילטען ווייץ. ווייל עס איז ניטא פאר דעם קיין אפזאץ־פלאץ. דער וויניפעגער מעיאר איז אלזא געפאלען אויפ׳ן פלאן צו העלפען די רואינירטע מערב־קאנאדער פארמערס וועמענס ווייץ ליגט איצט אין די עלעוויטארס און עס פוילט, דורך אנטוויקלען אין קאנאדע גופא די מצה־אינדוסטריע.

דערוויסען מיר זיך אויך אז אין וויניפעג ווערט שוין איצט געבויט א מצה־פאבריק פאר 100 טויזענט דאלאר. און די רעגיערונג פלאנט אויך צו דערמוטיגען אזעלכע פאבריקען אין מזרח קאנאדע. דער אגריקולטור־מיניסטער זאל האבען צוגעזאגט, אז די דאזיגע מצה־פראגע וועט אויפגענומען ווערען אין פארלאמענט. אזוי שנעל ווי די קומענדע סעסיע וועט דערעפענט ווערען. ער האט פארזיכערט אז די רעגיערונג וועט ארויפלייגען א הויכען אפצאל אויף די אמעריקאנער מצה־פראדוקטען. כדי מיט דעם צו דערמוטיגען די קאנאדער אידען צו קויפען זייערע מצה־פראדוקטען בלויז פון קאנאדער פירמעס און ניט פון אמעריקאנער.

מיט יארען צוריק האט קאנאדע יא געהאט א טאריף־אפצאל פון 15 פראצענט אויף אמעריקאנער מצה־פראדוקטען. אבער שפעטער איז דער טאריף ארונטערגענומען געווארען. און איצט וועט א טאריף ווייטער ארויפגעלייגט ווערען — און דוקא א גאנץ הויכער.

עס ווייזט, אלזא אויס, אז די רעגיערונג האט זיך גאנץ ערנסט גענומען צו דורכפירען די זאך, ניט אזוי דערפאר ווייל זי וויל דוקא באזארגען די קאנאדער אידען מיט אייגענע מצות, נאר ווייל זי וויל דורך דעם העלפען אירע רואינירטע פארמערס. געוויס וועלען די פארמערס באדייטענד געהאלפען ווערען דורך דעם. און עס וועלען אויך געהאלפען ווערען די עטליכע הונדערט אידישע ארבייטער, וועלכע וועלען קריגען באלדיגע באשעפטיגונג אין די נייע מצה־פאבריקען.

שלום ווערטער און מלחמה מעשים

פון איין זייט האלט מען, אין איראפע אין איין רעדען און דיסקוטירען וועגען אנטוואפנונג. און פון דער אנדער זייט גייט אן די קאנקורענץ פון לענדער, וועלכע זוכען זיך איינע די אנדערע איבערצושטייגען אין זייערע מיליטערישע אויסשטאטונגען. אט ווי גאר ניט געווען. פון די ווערטער ביז די מעשים איז א ווייטער שפרונג. און אויב מען רעדט אפילו וועגען דער וויכטיגקייט זיך צו אנטוואפנען, האלט מען אבער פונדעסטוועגען שטארק פון דעם כלל, אז עס איז אלין בעסער צו האבען א גרויסע ארמיי, אדער שטארקע פלאט, ווי עס ניט צו האבען.

אין דעם דאזיגען פלל זוכט מען דורכצופירען אין לעבען אויף ווי ווייט מעגליך. דער פירוש געפעלט. און ער גילט אלס גוטער תירוץ מיט וועלכען צו רעכטפערטיגען, אי פאר זיך און אי פאר פרעמדע דאס וואס מען פארשוועדט ריזיגע מיליאנען אויף פארשידענע מיליטערישע אויסשטאטונגען. אויף זאכען וואס זענען ניט מער און ניט ווייניגער, ווי פארבארייטונגען צו מלחמות.

אט הערען מיר, אז די ענגלישע רעגיערונג באאבזיכטיגט דורכצופירען א פראגראם פון קריעגס־שיף בוי, וואס זי האט פריער ניט געהאט בדעה. נאך דער פלאטען־קאנפערענץ וואס איז פאריגען יאר אפגעהאלטען געווארען אין ענגלאנד, איז מען דארט געווען צופרידען צו קאנען מאכען א היבשען שטריך אין דעם מיליטערישען בודזשעט. עס איז דאמאלסט דערקלערט געווארען אז ענגלאנד וועט ווייזען די אנדערע לענדער א ביישפיעל ווי אזוי צו פארקלענערן די אויסגאבען אויף ים־באוואפנונג און אז זי וועט ניט אנגיין מיט דעם בוי פון קריעגס־שיפען לויט די פריערדיגע פלענער וואס זי האט פאר דעם געהאט אנגעווארפען.

דאס איז אבער אלין געווען נאך דער פלאטען־קאנפערענץ. אין דער לופט האבען זיך דאמאלסט געהאט געטראגען אנדערע שטימונגען. האט אבער די שטימונג אין אינטערנאציאנאלע קרייזען זיך געביטען. ווי באוואוסט האבען סיי פראנקרייך און סיי איטאליע אויפגענומען די באשלוסען פון דער פלאטען־קאנפערענץ מיט גרויסע „רעזערוואציעס". זיי זענען בלויז מסכים געווען מיט די געפאסטע באשלוסען אין פרינציפ. אבער ניט מער. אין דער פראקטיק האבען זיי זיך געהאט איבערגעלאזט דאס רעכט צו האנדלען לויט די אייגענע אינטערעסען וועלען זיי עס דיקטירען.

און אזוי איז דאס געווען. ביידע לענדער זענען איינגעגאנגען צייטוויליג אפצושטעלען צווישען זיך די מיליטאריסטישע קאנקורענץ און דאס בויען פון קריעגס־שיפען וואס איז א רעזולטאט פון דער דאזיגער קאנקורענץ. אבער דער אפמאך גייט אויס. און די אפגעשטעלטע קאנקורענץ וועט צווישען זיי איצט ווידער אויפגענומען ווערען. אזוי ווערט איבערגעגעבען. און דאס האט אין ענגלאנד דער באוועגונג פאר אנטוואפנונג געגעבען א שטויס אויף צוריק.

און דאס מיינט ניט. אז בלויז ענגלאנד אליין וועט דארפען אויפנעמען איר פריערדיגען פראגראם אין באצוג צו נייע קריעגס־שיפען. דאס איינענע וועלען אויך טאן אמעריקע און יאפאן. עס וועט זיך אנהויבען א יאגד פון באוואפנונג אזוי ווי פריער. אין פראנקרייך ווארפט מען די שולד פאר דעם אויף איטאליע. און אין איטאליע אויף פראנקרייך. עס איז אבער קלאר אז ביידע וועלען געבען דעם טאן פאר גאנץ איראפע. און אויך פאר אמעריקע און יאפאן.

ווי מען זעט האט פון אלע דיסקוסיעס און די ביז־איצטיגע רייד וועגען אנטוואפנונג דערוויל גארניט אויסגעלאזט. די אלערליי קאנפערענצען וואס זענען וועגען דעם געווארען אפגעהאלטען, האבען צו קיין ממשות׳דיגע רעזולטאטען ניט געפירט. און מען האלט איצט פונקט אזוי ווייט דערפון, אז מען זאל זיך נעמען אנטוואפנען, ווי פריער.

מען רעדט היינט וועגען דעם אפשר מער ווי אמאל. און דאס וועלען אלע צוגעבען. אבער מען האלט נאך אלין פון דעם אלטען לאטיינישען כלל, אז דער בעסטער מיטעל צו באווארענען זיך געגען מלחמות, איז צו זיין צוגעגרייט פאר זיי.

דער סאסקאטשעוואנער אימיגראציע און קאלאניזאציע באריכט

(צווייטער ארטיקעל.)

פון ש. אסיפאוויטש.

מיר קומען יעצט צו דער צווייטער גרופע פון רעקאמענדאציעס — וועגען אימיגראציע און קאלאניזאציע געזעלשאפטען. די רעקאמענדאציעס זענען נאך צוויי אין צאל: דאס ערשטע איז, אז יעדע פערזאן, קארפערשאפט אדער פאראיין, וועלכע וויל אנפירען איהר ארבייט אלס אימיגראציע אדער קאלאניזאציע אגענטור, מוז פריער קריגען א דערלויבעניש (לייסענס) פון דער פעדעראלער רעגיערונג. און איידער זי קען אנפירען איהר ארבייט אין דער פראווינץ סאסקאטשעוואן, מוז זי אויך קריגען א דערלויבניש (לייסענס) פון דער פראווינציעלער רעגיערונג, וועלכע וועט ארויפלייגען די פליכט אויף יעדער אזעלכער פערזאן, קערפערשאפט אדער פאראיין, פארצולייגען אלע איהרע אקטיוויטעטען בנוגע קאלאניזאציע פאר דעם פראווינציעלען אימיגראציע און קאלאניזאציע ראט און אונטערווארפען זיך אונטער איהר אויפזיכט.

צווייטענס, זאל קיין דערלויבניש ניט ארויסגעגעבען ווערען אויסער צו אזעלכע פערזאנען אדער פאראיינען וועלכע זענען, אין דער מיינונג פונ׳ם פראווינציעלען ראט, בכח אנצופירען פראקטישע קאלאניזאציע ארבייט.

ביידע פון די אויבענדערמאנטע רעקאמענדאציעס זענען, אין מיין מיינונג, ראציאנאל און ווינשענסווערט. עס קען קיינעם ניט שאטען און קען נאר ברענגען נוצען צום אימיגראנט, אז נאר פאראנטווארטליכע מענשען און ארגאניזאציעס זאלען זיך פארנעמען מיט אימיגראציע און קאלאניזאציע. און ניט די אידישע אימיגראציע געזעלשאפט און ניט די „איק"א" וועט זיך שרעקען פאר דעם.

צו אונז, אידען, קלינגט עס אפשר אביסעל מאדנע אז עס זאל נויטיג זיין פאר דער רעגיערונג צו האלטען אן אויג אויף אזעלכע ארגאניזאציעס וועלכע האבען אלס זייער ציעל די אויפגאבע צו העלפען זייערע גלויבענס־גענאסען אדער ראסען־ברידער, ווייל מיר זענען גוט באקאנט מיט דער נאבעלער ארבייט פון די אידישע ארגאניזאציעס אויף דעם געביעט. ווי דער „האיאס", עמיגדירעקט, „יק"א" און קאנאדער אימיגראנטען הילף פאראיין.

מיר דארפען אבער ניט פארגעסען, אז ביי די גויים איז גאנץ אנדערש. ווי דער באריכט גיט אליין צו, איז פאקטיש ניטא קיין איין גויאישע ארגאניזאציע, וועלכע פירט אן קאלאניזאציע ארבייט — דירעקטע קאלאניזאציע ארבייט — מיט איהר אייגענע פאנדען און אן קאסט צום אימיגראנט. די אייזענבאנען, די מענאנישע קאלאניזאציע געזעלשאפט, די לוטעראנישע קאלאניזאציע געזעלשאפט, די סאלוויישאן ארמיי און אנדערע, אלע ציהען אן איינקונפט פון רעגיערונגס סובסידיעס, פון „קאמישאנס" און פון באן־בילעטען און „פערמיטס" און פון שטייערען אויף די אימיגראנטען וועלכע זיי העלפען.

דאס איז געווארעט פון ראיעלע ארגאניזאציעס. פון די פארשיידענע קליינע דייטשע, אונגארישע און אוקראינישע אגענטלאך, וועלכע זענען אויסגעוואקסען אין די יארען פונ׳ם אימיגראציע שטראם און האבען זיך געגעבען שעהן־קלינגענדיגע נעמען צו וועלכע זיי זענען ניט געווען בארעכטיגט — איז שוין אפגערעדט!

אזא מין געזעץ וואלט געצוואונגען די קליינע אגענטלאך צו פארמאכען זייערע קרעמלאך און וואלט אפשר געשטערט די ארבייט פון די קאטוילישע, לוטעראנישע און מענאניטישע קאלאניזאציע פאראיינען וועלכע זענען נאר פארמיטלער צווישען זייערע אימיגראנטען און די באן און לאנד געזעלשאפטען, אבער וואלטען ניט געקענט שטערען דער אידישער ארגאניזאציע.

* * *

יעצט קומען מיר צו די רעקאמענדאציעס וועגען די קאטעגאריעס פון אימיגראנטען. די רעקאמענדאציעס זענען גאנצע פערצען און אט זענען זיי:

1) די ערשטע מעגליכקייטען צו באזעצען זיך אויף לאנד זאלען געגעבען ווערען צו די, וועלכע וואוינען שוין אין דער פראווינץ סאסקאטשעוואן.

2) קיין ספעציעלע מיטלען זענען ניט נויטיג אנצואווענדען כדי צו סטימולירען די אימיגראציע אין סאסקאטשעוואן פון איינוואוינער פון די אנדערע קאנאדער פראווינצען.

ביידע רעקאמענדאציעס קאן מען גערעכט צוזאמען. זיי זענען שעהנע הבטחות, וועלכע זענען געמאכט געווארען צו בלייבען נאר הבטחות, ווייל ווייטער אין דעם זעלבען באריכט זאגט די קאמיסיע, אז עס איז שוין געבליבען ווייניג לאנד אין סאסקאטשעוואן, און די איבערגעבליבענע לאנד איז מערסטענטיילס ניט פון די בעסטע און האט ווייניג צוציאונגס־קראפט פאר קאנאדער און ענגלישע געבוירענע.

איצט לאמיר געהן צו דער דריטער רעקאמענדאציע:

3) די פעדעראלע רעגיערונג זאל באצאלען העלפט פון די רייזע קאסטען פון אזעלכע קאנאדער וועלכע וואוינען אין די שטאטען און ווילען זיך צוריק אומקערען אין די פראווינצען פון וועלכע זיי זענען געקומען.

דאס הייסט די פעדעראלע רעגיערונג זאל דעקען האלב פון די רייזע הוצאות פון קוויבעקער פראנצויזען אין די שטאטען, וואס ווילען זיך אומקערען קיין קוויבעק, אדער געוויזענע מאניטאבער איינוואוינער וואס ווילען זיך אומקערען קיין מאניטאבא און א. וו.

באמערקט אבער, אז קיין הילף זאל ניט געגעבען ווערען פאר קאנאדער פראנצויזען, וועלכע וואוינען אין די שטאטען און וואלטען זיך וועלען באזעצען, לאמיר זאגען, אין סאסקאטשעוואן. הייסט עס, ביסט ארויסגעשפרונגען פון איין טאפ, ווייל עס איז דיר געווארען צו איינג, און עס איז דיר נאך איינגער איצט, דאן קאנסטו זיין אזוי גוט און צוריק ארייןשפרינגען אין דעם זעלבען טאפ פון וואנען דו ביסט געקומען. אבער אין יענעם האלב לויזיגען טאפ זאלסטו, חס־וחלילה, ניט אריין!

4) אימיגראציע פון ענגלאנד זאל דערמוטיגט ווערען מיט אלע מעגליכקייטען. און די ענגלישע רעגיערונג זאל איינגעלאדען ווערען צו אויסארבייטען פלענער פאר אזא מין באזעצונג, און שאפען די נויטיגע פינאנציעלע מיטלען דורכצופירען זיי. מיר רעקאמענדירען ספעציעל צו העלפען די אימיגראציע פון ענגלישע אינגלאך פון עלטער ווען זיי האבען געענדיגט, די „פאבליק סקולס" און העכער, אונטער פאסיגע באווארענישען.

די ערשטע טייל פון דער פערטער רעקאמענדאציע איז נאך א שענע הבטחה וועלכע בלייבט נאר א הבטחה, ווייל אין אן אנדער טייל פון באריכט זאגט די קאמיסיע, אז קיין פאסיגער רעגיערונגס באדען פאר ענגלישע אימיגראנטען האט שוין ניט די קאנאדער רעגיערונג. און קיין פינאנציעלע שטיצע זאל די קאנאדער רעגיערונג ניט געבען צו ענגלישע געבוירענע אימיגראנטען. און אזוי ווי די ענגלישע רעגיערונג וועט נאר העלפען איהרע עמיגראנטען מיט א הלואה בתנאי אז די קאנאדער רעגיערונג וועט געבען דאס לאנד — ווייסט איהר שוין אליין וואס דאס מיינט.

פארוואס די קאמיסיע איז אזוי אנטציקט פון די ענגלישע אינגלאך, וועלכע ווערען געשיקט קיין קאנאדע גלייך־ווי זיי ענדיגען די עפענטליכע שולען אין ענגלאנד, פארשטעה איך ניט. אין מייסטע פאלען זענען זיי שטאדטישע עלעמענטען און ווייסען גארניט וועגען פארם־לעבען. פיעל פון זיי פארבלייבען ניט אויפ׳ן פארם. און בכלל מוזען זיי אויסשטעהן אלע סכנות וועלכע יונגע אינגלאך, צושיידט פון זייערע עלטערען און עלענד אין א פרעמד לאנד, מוזען דורכמאכען.

יעצט דעם פינפטען פונקט:

5) אויסער דער פינאנציעלער שטיצע, וועלכע די ענגלישע רעגיערונג גיט פאר ענגלישע אימיגראנטען, די טייל פון די רייזע קאסטען פון צוריקגעקומענע קאנאדער איינוואוינער וועלכע די פעדעראלע רעגיערונג באצאלט. די שטיצע וועלכע מיר רעקאמענדירען אז די פראווינציעלע רעגיערונג זאל געבען צו די איינוואוינער פון דער פראווינץ, וועלכע ווילען זיך באזעצען אויף רעגיערונגס ערד, און פאר׳ן באזעצען פון ענגלישע אינגלאך, זאל קיין פינאנציעלע רעגיערונגס שטיצע פאר קאלאניזאציע פלענער ניט געגעבען ווערען.

און אט האט איהר דאס! דער בארג האט נאכאמאל געבוירען א מויז! פון די אלע רייד, האט זיך אויסגעלאזט א בוידעם!

די ענגלישע רעגיערונג שטיצט שוין פון עטליכע יאהר ענגלישע עמיגראנטען, וועלכע ווילען זיך באזעצען אויף לאנד אין קאנאדע. זי באצאלט דאך אויך די רייזע קאסטען פון ענגלישע אינגלאך וועלכע ווילען פארען קיין קאנאדע. די פראווינצען האבען שוין פון עטליכע יאהר אן אפמאך מיט דער ענגלישער רעגיערונג צו באזעצען ענגלישע אינגלאך אויף לאנד און דערווייל האבען זיי נאך ניט באזעצט איינעם. בלייבט די איינציגע נייע רעקאמענדאציע, אז די פראווינציעלע רעגיערונג זאל העלפען איהרע איינוואוינער צו באזעצען זיך אויף רעגיערונגס־באדען.

און ווייסט איהר ווי אזוי מען העלפט זיי? דורך בטול מאכען די פריהערדיגע פרייע „האמסטעדס" געזעצען און פאדערען באצאלט פיער דאלאר פאר אן אקער, אדער $640 פאר א פארם וועלכען מען האט געקענט באקומען אומזיסט מיט א יאהר צוריק!

און יעצט קומען מיר צו א פארקוועט רעקאמענדאציע: מען וואלט דאס געדארפט רופען דעם „קריסקא" אדער „דאמעסטיק", אדער „דושועל" שארטענינג געזעץ! עס איז ניט פליישיג און ניט מילכיג. הערט זשע צו:

6) די קאמיסיע מאכט קיין רעקאמענדאציעס ניט וועגען א קוואטא געזעץ. די קו־קלוקס קלען, די „נייטיווס סאנס אוו קענעדע", די צוריקגעקומענע סאלדאטען און די „גרענד ארענדזש לאדזש", האבען אלע ארייגעשיקט פארלאנגען צו דער קאמיסיע פאר א קוואטא סיסטעם.

אויב די קאמיסיע גלויבט, אז דער פארלאנג פאר א קוואטא סיסטעם איז א בארעכטיגטער האט זי געדארפט אזוי זאגען. אויב אבער די קוואטא סיסטעם איז ניט ווינשענסווערט, וואלט דאך די קאמיסיע דאס אויך געדארפט אפען ארויסזאגען. די קאמיסיע איז דאך געשאפען געווארען צו באטראכטען און ארויסגעבען א באשטימטע מיינונג וועגען אזא פראגע. און איהר רעקאמענדאציע איז — אז זי האט קיין רעקאמענדאציע ניט וועגען דעם.

די זיבעטע רעקאמענדאציע איז, אז קיין אומפארהייראטע פארם ארבייטער זאל מען דערווייל ניט ארייגלאזען קיין קאנאדע.

פון איין זייט איז דער באשלוס גאנץ פארשטענדליך, ווייל דער פארלאנג פאר פארם ארבייטער האט זיך פיעל פארקלענערט אין די לעצטע יאהרען דורך דער אנטוויקלונג פון נייע מאשינען, אזוי ווי די „קאמביינס" מיט וועלכע מען שניידט און דרעשט די תבואה מיט איין מאל. א פארמער מיט א „קאמביין", מיט דער הילף פון צוויי אינגלאך אדער מיידלאך צו טרייבען דעם טראק, וועלכער פירט אוועק די תבואה אין עלעוויטאר און דעם טראקטאר וועלכער שלעפט דעם „קאמביין" און נאך איין מאן אויסער זיך, צו אכטונג געבען אויף דעם סעפעראטאר, קאן אפשניידען, דרעשען און ארייןפירען די תבואה פון א האלבען סעקשאן ביז צוויי סעקשאנס לאנד (320 ביז 1280 אקער).

די פראגע בלייבט אבער אזוי. אויב עס איז ניטא קיין נויט פאר אומפארהייראטע פארם ארבייטער. אונטער די יעצטיגע אומשטענדען, אויב זיי געהען ארום ארבייטסלאז און קענען ניט מאכען קיין לעבען, איז עס דאך פיעל שווערער פאר א פארהייראטען פארם ארבייטער צו קריגען ארבייט און שפייזען א ווייב און קינדער. ספעציעל ווען א פארהייראטער פארם ארבייטער קריגט ניט קיין גרעסערן געהאלט ווי א ניט־פארהייראטער ארבייטער.

דאך איז עס די מיינונג פון דער קאמיסיע, אז פארהייראטע פארם ארבייטער מעגען ארייןקומען און ניט פארהייראטע ניט. אויב א פארם ארבייטער האט חתונה אין דער היים, לאזט ער איבער זיין יונג ווייבעל דארט, און קומט אליין, מעג ער ארייןקומען. אויב ער האט ניט חתונה נאר ווייל פריהער קומען אהער און נאכדעם שיקען נאך זיין כלה, טאר עס ניט! וועט איהר פרעגען וואו איז די לאגיק פון אזא רעקאמענדאציע — מעגט איהר טאקע פרעגען!

די אכטע רעקאמענדאציע וועגען קאטעגאריעס פון אימיגראנטען איז — „דיענסט־מיידלאך זאלען ארייגעלאזען ווערען אונטער׳ן פאסיגען קאנטראל פון דעם פראווינציעלען ראט פון אימיגראציע און קאלאניזאציע, און מיטלען זאלען אנגענומען ווערען צו דערמוטיגען די פאראייניגונג פון פאמיליעס".

די רעקאמענדאציע פארט צונויף צוויי זאכען, וואס האבען קיין שייכות איינס מיט׳ן אנדערען.

צי מען דארף אריינברענגען דיענסט־מיידלאך אין קאנאדע איז א גאנץ אנדערע פראגע פון דער נויטווענדיגקייט פון פאראייניגען פאמיליעס.

אין מיין לעצטען ארטיקעל האב איך אנגעוויזען אויף דער רעקאמענדאציע פון דער זעלבער קאמיסיע אז ניט פארהייראטע פארם ארבייטער זאל מען ניט ארייןלאזען אין קאנאדע, ווייל דער פארמער אונטער די איצטיגע אומשטענדען דארף און קאן זיי ניט האלטען. אויב ניט פארהייראטע פארם ארבייטער זענען ניט ווינשענסווערט איצט, דאן זענען ניט־פארהייראטע דיענסט־מיידלאך געוויס ניט ווינשענסווערט. ווייל עס איז דאך פיעל ערגער פאר אן עלענדער מיידעל ארומצודרעהען זיך ארבייטסלאז ווי פאר אן אומפארהייראטען מאן — א פארם ארבייטער.

דען די קאמיסיע האט דאך געדארפט גאנץ גוט ווייסען, אז קאנאדע איז ניט ענגלאנד. און דא איז ניטא און קאן ניט עקזיסטירען א ספעציעלער אפגעזונדערטער קלאס פון מיידלאך — הויז דיענסטען. און אז די מיידלאך וועלכע קומען

(פארזעצונג אויף פיידזש 3)

דער גרעסטער שונא ישראל געשטארבען א האלבער בעל-תשובה

פון מ. טענענבלאט

די אמאליגע שטארקסטע זייל פונ׳ם קלעריקאלען אנטיסעמיטיזם אין צענטראל איראפא, פראפעסאר דר. אויגוסט ראהלינג, איז געשטארבען פאראינזאמט און פאראכטעט און פארגעסען פון דער גאנצער וועלט.

אמאל א קאמף־פיגור, ארום וועלכער עס האט זיך קאנצענטרירט די שווערסטע אנטיסעמיטישע אפענסיווע פון עלילת־דם, פון ווילדע אטאקעס געגען דער גאנצער רבנישער ליטעראטור אנגעהויבען פון די חכמי התלמוד ביז צו די שפעטערע גרויסע מקובלים, ווי ר׳ חיים וויטאל — איז דער גיפטיגער קריסטליכער טעאלאג פראפעסאר ראהלינג געווען אין די לעצטע 30 יאהר אן אפגעריבענע מטבע אהן א שום ווערט.

נאכדעם ווי ער האט פארלוירען דעם היסטארישען פראצעס געגען ווינער ראבינער און דעפוטאט דר. ש. בלאך, וועלכער האט איהם עפענטליך פארגעווארפען פעלשונגען פון פארשידענע מאמרים אין תלמוד און פוסקים, איז ער געצוואונגען געווען פארזוכען דעם טעם פון אידישען גלות פולע 32 יאהר.

קייזער פראנץ יאזעף האט איהם געלאזט ארויסווארפען פון זיין הויכען פידעסטאל אלס אוניווערזיטעטס פראפעסאר און אפילו דער פויפסט אין רוים האט איהם פארבאטען טראגען ווייטער די גלחים ווירדע און ארייגעלייגט אין חרם אלע זיינע אנטיסעמיטישע ביכער געגען תלמוד און רבנישער ליטעראטור. האט ער געלעבט אין א פינסטערען חדר, געהונגערט און געליטען, ווי א שטיק בעל תשובה, ניט געפונען קיין רוה ווי נעוונדניק און צו זיין אומגליק אויסגעהאלטען פולע 92 יאהר.

ערשט אין די לעצטע חדשים פאר׳ן טויט האט ער עטליכע מאל אויפגענומען אין זיין איינזאמען קליינעם קאבינעטעל דעם בעקאנטען אידישען ליטעראט חיים בלאך, מיינענדיג לכתחילה אז ער איז א קרוב און שליח פון דר. בלאך, וועלכער איז געקומען בעטען ביי איהם „מחילה" פאר די „חטאים" פון אמאליגען פראצעס.

דער אלטער שונא ישראל איז געלעגען א צומאטערטער און עס איז איהם געווען זעהר שלעכט אויפ׳ן הארץ. ווי ר׳ חיים בלאך האט איהם אויפגעפרישט די אמאליגע געשיכטע און געזאגט איהם, אז גראד אצינד פאר׳ן טויט האט ער די געלעגענהייט צו זיין א מפשפש במעשיו און מתקן זיין דאס גרויסע אומרעכט, וואס ער האט אפגעטאן דעם אידישען פאלק. דער זקן ממרה האט זיך עטליכע מאל געשוואוירען אז ער איז חלילה ניט קיין אנטיסעמיט און עס טוט איהם וועה אין טיעפען הארצען, וואס די האקענקרייצלער און זייערס גליכען פאררופען זיך אויף איהם און זיינע ספרים. ער וויל אומבאדינגט, די גאנצע וועלט זאל איהם גלויבען, אז ער איז א שארפער געגנער פון אנטיסעמיטיזם בכלל און פון ראסישען נאציאנאליזם בפרט. אבער פון דער נארישקייט צו גלויבען אין עלילת דם ביים רבנישען אידענטום, איז ער נאך אלץ ניט אויסגעהיילט געווען און ער האט אויפגעפאדערט ר׳ חיים בלאך אלס פראמער רעליגיעזער איד אבצוגעבען באותו מעמד א רעליגיעזע שבועה, אז איהם איז עלילת דם ניט באקאנט, ניט אין דער אידישער רעליגיעזער ליטעראטור און ניט אין אידישען לעבען.

ר׳ חיים בלאך האט צוליעב קידוש־השם תיכף אפגעלעגט א צערעמאניעלע רעליגיעזע אידישע שבועה, כדי דער אלטער פרומער קאטוילישער טעאלאג זאל כאטש פאר׳ן טויט אויסגעלייזט ווערען פון דער שרעקליכער זינד צו גלויבען אין אזא מורא׳דיגען בלבול אויפ׳ן אידישען פאלק און אויפ׳ן שטרענגען הייליגען מוסר היהדות פון דער רבנישער ליטעראטור. ערשט די דאזיגע שבועה אין טלית און תפילין האט צומישט און צוריסען דעם אלטען עקשן און אוועקגענומען ביי איהם די נארישע אמונה אין אזא שרעקליכען בארבאריזם ביים אידישען פאלק. דורכ׳ן פאקט פון דער שבועה, איז דער אלטיטשקער אזוי פארמאטערט געווארען, אז זיין עלטער שוואכקייט איז גרעסער געווארען פון טאג צו טאג און איידער ער האט געקענט אדורכקעמפען זיך צו א שריפטליכען באקענטניש און צו אן עפענטליכען ווידוי איבער זיין שווערען לעבענס טעות וועגען עלילת דם, האט ער פארלוירען די לעצטע כחות מיט׳ן לשון און איז געשטארבען.

די ווירקונג פון דער שבועה איז געווען אזא דערשיטערנדע אז דער אלטישקער האט דערנאך אנגעהויבען צוריקציהען זיינע באשולדיגונגען. אז די גאנצע וועלט האט איהם געטאן אומרעכט און אפילו קייזער פראנץ יאזעף און דער וואטיקאן אין רוים זיינען דעמאלט געשטאנען אונטער אידישער השפעה, ווען מען האט איהם אפגעזאגט פון אלע עפענטליכע עמטער. ער איז געווען דערשיטערט פון חרטה און תשובה און ווען ר׳ חיים בלאך וואלט ניט געווען מורא געהאט די גרויסע אויפרעגונג זאל ניט ברענגען תיכף דאס אלטע הארץ צום פלאצען, וואלט ער תיכף נאך דער שבועה געקאנט האבען א שריפטליכען וידוי פון פראפ. ראהלינג אלס עפענטליכען דאקומענט פאר דער גאנצער וועלט. מען האט געוואלט דוקא לאזען איהם זיך בארוהיגען אביסעל און קומען צו איהם א שטיקעל צייט שפעטער. אבער דורך דער שטארקער דערשיטערונג איז דער זקן ניט מעהר ארויס פון בעט און ניט געטארט מעהר רעדען מיט קיין מענשען. ער האט זיך שווער אפגעמוטשעט די עטליכע וואכען ביז דער טויט האט איהם אויסגעלייזט פון מארטער און חרטה.

אט די לעבענס־געשיכטע פון פראפעסאר ראהלינגס 18־יעהריגען אנטיסעמיטישען פעריאד:

אלס ארענטליכער פראפעסאר פון פראגער אוניווערזיטעט פאר ביבעל און טעאלאגיע האט ער עס מיט דער צייט געבראכט צו זעהר א הויכער מדרגה סיי אלס גלח און סיי אלס געלערנטער טעאלאג. ער איז געווען קאנאניקוס פון אלער הייליגסטע קאלעגיאט־קאפיטעל ווי אויך דעקאן פון טעאלאגישען פאקולטעט און פון גייסטליכען דאקטארן־קאלעגיום. און זיין קאריערע האט זיך אנגעהויבען מיט אן אנטיסעמיטישען ווערק „דער תלמוד איד", אין וועלכען ער ברענגט „מאמרים" און כלומרשטע ציטאטען פון דער גמרא און פון דער שפעטערער רבנישער ליטעראטור אז דער ריטועלער מארד ווערט דארט געלויבט.

שוין אט דאס ווערק מיט אזא שרעקליכען בלבול ווי אויך זיין צווייטע בראשורע אלס ענטפער צו די רבנים האבען ארויסגערופען א געוואלדיגען שטורם. ווייל אין דער דעמאלטיגער צייט פון עלילת דם פראצעס אין אונגארישען שטעטעל טיסא עסלאר האט דאס דאזיגע בוך געשפיעלט א געפעהרליכע ראליע. דאס בוך האט געהאט 10 אויפלאגען, אין אזעלכע מאסען איז עס פארשפרייט געווארען. דער עסטרייכישער קלעריקאלער אנטיסעמיטיזם האט שטארק געשטיצט פראפעסאר ראהלינגס קאמפיין הינטער וועלכען עס איז געשטאנען אויך דר. לועגער מיט זיין גאנצער פאלקס באוועגונג. נאר די קריסטליכע טעאלאגיע האט זיך געהאלטען רעזערווירט, ווייל זי האט ניט געגלויבט אין דער עהרליכער וויסענשאפטליכער ארבייט פון פראפעסאר ראהלינג.

שווער איז געווארען דער קאמף, ווען פראפעסאר ראהלינג האט זיך ערקלעהרט גרייט צום עדות זאגען און צו א שבועה אין טיסא עסלאר פראצעס. אז די אידען באנוצען קריסטען־בלוט צו אידישע רעליגיעזע צוועקען.

דעמאלט האבען די באריהמטע קריסטליכע טעאלאגען און הויכע קירכליכע ווירדענטרעגער פראפעסאר פראנץ דעליטש, פראפעסאר שטראק און פראפעסאר נעלדעקע אויפגענומען עפענטליך א וויסענשאפטליכען קאמף געגען פראפ. ראהלינג און מיט זייער וועלטבאריהמטער וויסענשאפטליכער אויטאריטעט נאכגעוויזען אז פראפעסאר ראהלינג האט טיילס זעהר שלעכט איבערגעזעצט די מאמרי חז״ל און טיילס פשוט געפעלשט און בכלל איז אלסדינג געווען א שלעכטע בעארבייטונג פון אייזענמענגערס בלבולים בוך פון 17־טען יאהרהונדערט. דעמאלט האט אויך דער בעקאנטער קעמפער דר. בלאך אויפגענומען די גרויסע שלאכט געגען פראפעסאר ראהלינג און איהם סוף כל סוף פארטיג געמאכט. דר. בלאך האט באשולדיגט עפענטליך פראפעסאר ראהלינג אז ער גרייט אפלעגען א פאלשע שבועה ביים טיסא עסלאר פראצעס. פראפעסאר ראהלינג האט פארקלאגט דר. בלאך ביים געריכט וועגען עהרענבאליידיגונג, אבער ער האט דאן צוריקגעצויגען די קלאגע און געלאזען אויף זיך זיצען דר. בלאך׳ס שרעקליכע באשולדיגונג.

דאס געריכט האט אויפגענומען אלס עקספערטען איבער תלמוד די צוויי באריהמטע דייטשע קריסטליכע געלערנטע נעלדעקע און פראפעסאר אויגוסט וואונשע און זיי ביידע האבען נאכגעוויזען דאס עם הארצות און פאלשקייט פון פראפעסאר ראהלינג. כדי ניט פארלירען דעם פראצעס האט ראהלינג צוריקגעצויגען די קלאגע און אנטלאפען פון געריכט. קייזער פראנץ יאזעף און דער פויפסט האבען געלאזען זיך באריכטען דורך אייגענע שליחים איבער׳ן גאנג פון פראצעס און ביידע האבען איהם תיכף געלאזט עפענטליך דורכפאלען און איהם ארויסגעווארפען פון אלע עמטער, ווייל ער האט קאמפראמעטירט די גאנצע קריסטליכע טעאלאגיע.

(איטא).

לאמיר זיך ענטוואפנען אויב מיר ווילען ניט אז די וועלט זאל אונטערגעהן ווארענט ענגלישער מיניסטער

וואס מען קען לערנען פון די לאנדאנער מיליטערישע מאנעוורעס.

פון מ. קאטץ

שוין א היבשע צייט ווי עס איז עפעס פארשטומט געווארען די ריידעריי און שרייבעריי וועגען ענטוואפענונג. טהיילווייז האט מען געדענקט אז די אורזאכע דערפון איז דער אומשטאנד, וואס די מלוכות פון מדינות זיינען אזוי פארנומען מיט דעם עקאנאמישען פראבלעם. אומעטום אזא דעפרעסיע, אזא ארבייטסלאזיגקייט, האט די דאזיגע עקאנאמישע פראגע פארשלונגען אלע אנדערע. אויף עפענטליכע פארזאמלונגען, אין דער פרעסע ווערט אלעס אנדערעס פארדונקעלט און די הויפט אויפמערקזאמקייט ציהט אויף זיך די עקאנאמישע סיטואציע.

טהיילווייז האט מען אויך גערעכענט, אז טאקע אט די עקאנאמישע סיטואציע וועט מוזען פאראורזאכען מלחמה. און ווי באלד אז יעדע מדינה האט מורא פאר א קריעג, וואס מוז קומען, האט אט דער שרעק, וואס שוועבט איבער די קעפ וועגען א מלחמה, וואס מוז קומען ווי א פאטאלע, אונפארמיידליכע ערשיינונג געבראכט דערצו, מען זאל אויפהערען ריידען וועגען ענטוואפענונג. ווארום אויב מלחמה מוז מען זיך דאך בעוואפענען. און טאקי וואס מעהר, אלס באשיצונג געגען א פלוצלינגען אויסברוך פון קריעג. באזארגען זיך על כל צרה שלא תבוא.

קלינגט שוין עפעס איצט ווי א מין איבערראשונג א רוף צו ענטוואפענונג. א רוף, וועלכער קומט אלס א ווארנונג דוקא פון ענגלאנד. און הערט מען זיך צו צו דער ווארנונג, וועלכע קומט פון דעם ענגלישען אויסלענדישען מיניסטער, ארטור הענדערסאן, ווערט פשוט פארקיהלט דאס בלוט אין די אדערען.

מר. הענדערסאן האט זיך געווענדעט מיט זיין רוף צו די פרידענס־געזעלשאפטען פון ענגלאנד, פאדערענדיג, אז זיי זאלען אנווענדען אלע אנשטרענגונגען צוצוגרייטען די עפענטליכע מיינונג פון גרויס־בריטאניע פאר דער וועלט־ענטוואפנונגס־קאנפערענץ, וועלכע וועט אפגעהאלטען ווערען אין פעברואר איבער א יאהר.

באגרעניצען בעוואפנונג איז ניט גענוג — האט ער ערקלעהרט — דאס וועט ניט ראטעווען די וועלט. עס מוז פארהאנדעלט ווערען טאקע פאלשטענדיגע ענטוואפענונג. און דאס הענגט אפ פון דער עפענטליכער מיינונג פון די פעלקער גופא.

— אויף די ענטוואפענונגס קאנפערענצען, זאגט ער, ווי אויף אלע אנדערע קאנפערענצען, האנדלען רעגירונגען לויט דעם ווי עס איז די שטימונג פון זייערע פעלקער — און דאס זאג איך אלס אן אלטער פאליטיקער — אויב די פעלקער זאלען באמת וועלען ענטוואפענונג, קאנען זיי דאס אויספיהרען. זיי קאנען אויסאיבען זייער ווילען, וואס זאל ברענגען אזעלכע רעזולטאטען.

"אויב די ציפערס אויף דער קומענדער קאנפערענץ וועלען ווייזען א פארגרעסערען פון בעוואפנונג, ווי דאס געהט איצט אן, וואס פאר א שרעקליכען חורבן דאס וואלט בעדייטען! און אויב עס זאל מעהר ניט געטאן ווערען ווי בלויז באגרעניצען בעוואפנונג, עס זאל בלייבען ביי דעם וואו מען האלט איצט, וואס פאר אן ענטוישונג דאס וואלט געווען פאר די פריינד פון פרידען!

"אדער וועט טאקע אויסגעפיהרט ווערען ווירקליכע רעדוצירונג און ווירקליכע פארקלענערונג פון די מיליטערישע לאסטען, וועלכע עס ליגען איצט אויף די פעלקער? צו וועט די קומענדע קאנפערענץ טאקע זיין באמת אן אנפאנג דערפון אדער דאס וועט בלייבען בלויז אן אנשטעל? אט דאס וועט אפהענגען פון דער עפענטליכער מיינונג פון די פעלקער. אויב עס זאל דעם מאל אויך ניט געמאכט ווערען אזא אנהויב, וועט דאס שוין אפשר קיין מאל ניט צושטאנד קומען...

"א קומענדע מלחמה וועט דאך ניט זיין אזא ווי די לעצטע איז געווען. זי וועט זיין אונפארגלייכבאר ערגער. א גרויסער מיליטערישער עקספערט האט געזאגט, אז אין דער לעצטער מלחמה האבען מיר אויסגעהרג'עט אין ריטייל, אבער אין א קומענדער מלחמה וועלען מיר עס טאן אין האלסייל, דער נעקסטער קריג אויב ער זאל נאר אויסברעכען, וועט אויסגעקעמפט ווערען דורך לופט־שיפען און אזעלכע לופט־שיפען וואס וועלען ארויסלאזען גיפטיגע גאזען.

"יעדעס יאהר מאכען אונזערע מיליטערישע לופט־שיפען מאנעוורעס איבער לאנדאן. האט עמיצער ווען א טראכט געטאן וואס די דאזיגע מאנעוורעס בעדייטען? זיי בעדייטען אז אונזער שטאט, ווי אלע אנדערע שטאטען, ערווארט איצט אז די נעקסטע מלחמה וועט באשטעהן אין אטאקעס אויף די גרויסע צענטערען פון אינדוסטריע און אויף דער ציוויליזירטער באפעלקערונג.

"אומזיסט וועלען זיין אונזערע פראטעסטען, אז אזא קריעגס־פיהרונג איז אן אינטערנאציאנאלער פארברעכען. מיר האבען שוין גענוג געלערענט, אז עס איז ניט אין אונזערע כחות צו הומאניזירען מאדערנע קריעגס־פיהרונג. אין מאל ברעכט אויס מלחמה, איז ניטא קיין מענש און קיין רעגירונג, וועלכע זאלען זי קאנען קאנטראלירען.

עס איז גאר קיין שום ספק ניטא, אז אויב עס וועט פאסירען א מלחמה וועט זי מיינען אזא פארניכטונג פון לעבען און אין אזא מאס ווי ווייט אונזער פאנטאזיע קאר דאס גאר ניט פארשטעלען — א פארניכטונג וואס וועט, לויט אלע וואהרשיינליכקייטען אפווישען די סאמע ציוויליזאציע אין וועלכער מיר לעבען.

"מיר גלויבען דערפאר אין דעם פאריזער אפמאך, ווייל מיר גלויבען, אז וואפען איז א דומער מיטעל פאר שליכטען אינטערנאציאנאלע סכסוכים. פאר אונז איז דאס אן אפמאך וואס מיינט אז עס ווערט פארווארפען די באנוצונג פון געוואלד אין אינטערנאציאנאלע אנגעלעגנהייטען. און די פארווארפונג פון געוואלד מיטלען דארף מיינען דאס אויפגעבען פון קריעגס מיטלען.

"איך האף אז איהר וועט ווייזען די רעגירונגען, אז ווי ווייט זיי וועלען דאס זוכען אויפצוטאן וועלען זייערע פעלקער זיין מיט זיי. איך האף אז איהר, די פרידענס געזעלשאפטען וועלען אנהויבען אן אפענעם קאמף געגען דעם אנארכישען מיליטאריזם און איהר וועט ווייזען פאר די רעגירונגען פון דער וועלט, אז די נייע ארדנונג, וועלכע מיר האבען אנגעהויבען דורך דער ליעג אף ניישאנס, זאל און מוז דערפיהרט ווערען ביז א טריאומף."

איך האב געבראכט אט דעם אויסצוג פון דעם ענגלישען מיניסטערס רעדע, ווייל די ווארנונג אין איהר איז אזא מורא'דיגע אז עס לאזט זיך ניט גלויבען דאס זי זאל ניט אפשרעקען די פעלקער. און עס איז דאך באמת קיין צווייפעל ניט, אז ווען אין די פעלקער אליין זאל הערשען א שטימונג און טאקע אן אקטיווע שטעלונג, אז עס מוז אויפגעגעבען ווערען בעוואפנונג און אז עס מוזען אויפהערען צוגרייטונגען פון קריעגס מיטלען וועלען זיי אויפהערען.

אין פארבינדונג דערמיט איז אפשר זעהר וויכטיג די נאכריכט, אז די סאוועט רעגירונג, די טערקיי און אייזלאנד האבען באקומען די איינלאדונג פון דער ליעג אוו ניישאנס אנטהייל צו נעהמען אין די די פארהאנדלונגען פון דער קאמיסיע, וועלכע פארשט אויס פלענער פאר דער פארווירקליכונג פון בריאנ'ס פלאן וועגען א פעדעראציע פון די אייראפייאישע מדינות.

מאסקווע האט דארויף געענטפערט, אז זי נעהמט אן די איינלאדונג, נאר זי פארהאלט פאר זיך דאס רעכט צו דעפינירען שפעטער ווי איהר שטעלונג וועט זיין אין באצוג צו איהר באטייליגונג אין דער קאמיסיע.

אין א נאטע, וועלכע ליטווינאוו האט צוגעלייגט צו דער אקצעפטירונג פון דער איינלאדונג, ערקלעהרט ער, אז ער איז אין צווייפעל צו דאס מיינט איין גרופירונג פון אייראפייאישע מלוכות, אדער דאס מיינט צוויי געגענזעצטע גרופעס פון מעכטע.

"ווארום עס זעהט אויס זאנדערבאר — זאגט ער — וואס א גרופע פון אייראפייאישע מדינות זאל זיך נעהמען דאס רעכט צו ענטשיידען צו מען זאל צולאזען אדער ניט צולאזען אן אנדער גרופע פון אייראפאישע מדינות אין א פעדעראציע, וועלכעס מען באצייכענט אלס פאן אייראפא. איבערהויפט נאך ווען אזא לענדער ווי די שווייץ וועמענס טעריטאריע פארנעהמט אין גאנצען פיער צעהנטעל שען שטח, אדער קליין לאנד ווי נארוועשען שטח, אדער אזא קליין לאנד ווי נארגען זאל זיך אוועקשטעלען געגען דער צולאזונג פון אזא מלוכה ווי דער פארבאנד פון סאציאליסטישע סאוועט רעפובליקען, וועלכע פארנעהמט אין אייראפא אליין פינף און פערציג פראצענט פון דער גאנצער אייראפאישער טעריטאריע, און איז צוויי מאל אזוי גרויס ווי פראנקרייך, בעלגיע, רומעניע, יוגא־סלאוויע, האלאנד, שווייץ, שפאניע, שוועדען, נארוועגען און דענעמארק צוזאמענגענומען.

"האט אט די קאמיסיע וועגען פאן אייראפא דירעקט קיין שייכות ניט מיט דער צוגרייטונג צו דער ענטוואפנונגס קאנפערענץ, וועלכע דארף אפגעהאלטען ווערען איבער א יאהר אין פעברואר. עס קען דאך אבער קיין צווייפעל ניט זיין אז אויב סאוועט רוסלאנד וועט זיך באטייליגען אין דער קאמיסיע פאר פאן אייראפא און אויב עס זאל טאקע מעגליך ווערען אזא פלאן פון א פאן אייראפא, אין וועלכער עס זיינען ניטא קיין באזונדערע גרופירונגען, נאר אייראפייאישער פעלקער פארבאנד וואלט אזא אויפטהו שוין געווען כמעט ווי א זיכערקייט, אז א קומענדע ענטוואפנונגס קאנפערענץ זאל טאקע פיהרען צו ענטוואפענונג. ווען אפילו די פאן אייראפא זאל האבען דעם אויסשליסליכען צוועק פון פארשטענדיגען זיך עקאנאמיש.

אייגענטליך איז דאך די גאנצע מאדערנע פאליטיק אן עקאנאמישע פאליטיק און ווען מען בילדעט שוין א פארבאנד דורך עקאנאמישע פארשטענדיגונג, בלייבען שוין ווייניגע אורזאכען פאר פאליטישע רייסערייען.

קאן זיין טאקע אז דער פחד פאר א קריעג, וועלכער וואלט זיין א סכנה פאר אלע לענדער פאר דער גאנצער מענשהייט, זאל ברענגען רעזולטאטען פון באמת זוכען אויסצופיהרען ענטוואפענונג!

אידען אלס מיליטערישע מאכט אין מיטעלאלטערליכע אייראפא

מיר אידען האבען היינט א גאנצע פאלשע פארשטעלונג פון דער ראלע וואס האבען געשפיעלט אין מיטעלאלטער. מיר מיינען אז די מיטעלאלטערליכע אידען זענען שטענדיג געלעגען אין זייערע געטהאס און האבען געהאנדעלט מיט אלטע קליידער און געזאגט תהלים. דער אמת איז אז אפילו אין די פינסטערסטע טעג פון מיטעלאלטער האבען אידען געשפיעלט א גרויסע ראלע אין דער אייראפאישער פאליטיק, און אפילו אין דעם מיליטערישען לעבען.

אזוי האט א איד מיט דעם נאמען שלמה בן יחורין אין יאהר עלף הונדערט און ניינציג קאמאנדירט די פארטוגעזישע ארמיי און ער איז געווען דאן בעריהמט אלס פעלדמארשאל.

נאך אין זעקסטען יאהר הונדערט האבען זיך די אידען פון נאפאל אויסגעצייכענט מיליטעריש. ווען אידישע רעגימענטער האבען פארטיידיגט די שטאדט געגען די ארמיי פון בעליזאר.

ווען די שטאדט פראג איז געווען בעלאגערט פון אן ארמיי פון רויבער האבען די אידען אזוי טאפפער פארטיידיגט די שטאדט אז זייערע קריסטליכע שכנים האבען זיי באלוינט מיט אן אויסצייכנונג, אין דער פארם פון א נייער שוהל אין פראג.

דער מיטעלאלטערליכער קריסטליכער יוריסט דיעטריך אין זיין בוך "דער סטאטוס פון די אידען אין די קריסטליכע רעפובליקען" (דע סטאטו יודעארום אין רעפובליקא קריסטיאנארום) פיהרט אן דעם מערקווירדיגען פאקט אז אין דרייצעהנטען יאהרהונדערט איז אין פראנקרייך געווען אן אידישע ארמיי פון דרייסיג טויזענד מאן, און דיזע ארמיי האט געדיענט אונטער דעם קעניג פהיליפ דעם שעהנעם. דיזע צאהל מעג זיין אפשר איבערטריבען ווייל עס איז ניט איינצוזעהן וואו קעניג פהיליפ דער שעהנער פון פראנקרייך האט גענומען דרייסיג טויזענט אויסגעבילדעטע פעלד סאלדאטען, אבער זיכער איז אז האט געהאט עטליכע אידישע רעגימענטען אין זיין ארמיי און אז דיזע אידישע רעגימענטער האבען געדיענט מיט אויסצייכנונג און האבען אפט באוויזען העלדענטאטען אויף דעם שלאכטפעלד.

פון דיזע איזאלירטע פאקטען קען מען זעהען אז אפילו אין דעם פינסטערסטען מיטעל אלטער זיינען די אידען קיין [illegible]

פארדארבען דעם מאגען?

נעהמט גלייך

עקס־לאקס

(EX-LAX אין ענגליש)

דער טשאקאלאד מאגען רעגולירער

אין איינינע שטונדען וועט איהר פיהלען פריש און מונטער.

אין אלע דראג סטארס.

דער אידישער קאמפאזיטאר יוסף רומשינסקי איז 50 יאהר אלט געווארען

יוסף רומשינסקי'ס ווירקונג פאר'ן אידישען טעאטער און פאר חזנות אין אמעריקע. — איניגע ווערטער וועגען יוסף רומשינסקי דעם מענש און קינסטלער.

פון יעקב קירשענבוים

יוסף רומשינסקי, דער לאנג־יעהריגער פיהרער, — און גלענצענדער פיהרער פון דער אידישער אפערעטע, איז די טעג 50 יאהר אלט געווארען. ער וואס איידעלט אויס די אידישע נגינה, ער וואס נעהמט פאלקס־טענער און גיט אין זיי ארייז אזוי פיעל קאליער, אזוי פיעל חן, אז ממש איהר דאוונט זיינע ליעדער, — אט דער דאזיגער קאמפאזיטאר, וואס האט אריינגעבראכט א נייע ווענדונג אין דער אידישער אפערעטע, איז ערשט 50 יאהר אלט, און אונז האט זיך תמיד גערוכט, אז פון איהם זינגט ארויס דער צוויי טויזענט יעהריגער גלות פון זיין פאלק.

מיר זענען זיך מודה, אז מיר קענען דערווייל ניט אזא מין אידישען קריטיקער, וואס זאל קענען אריינדרינגען אזוי טיעף אין די סודות פון זיין שאפען, אז מיר זאלען קלאהר קענען זעהען יוסף רומשינסקי דעם דיריגענט, דעם מוזיקער און דעם קאמפאניסט. מיר רוכט זיך, אז ער לעבט צו נאהענט מיט אונז, און צווישען אונז, אז מיר זאלען איהם קענען גענוי אפשעצען.

ביי זיי, ביי די קריסטען, איז עס אויך ניט אנדערש. — אט האט נעמוזט קומען פראנץ ווערפעל און אנשרייבען א ווערק איבער ווערדי. — איהר זעהט, אט דאס איז דער גורל פון אונזער פאלק. מיר באזינגען פרעמדע בעת אייגענע פארזעהען מיר. אין די לעצטע יאהרען איז אין דער דייטשער שפראך געשאפען געווארען א גאנצע ליטעראטור פון דייטש־אידישע שריפטשטעלער וועגען קריסטליכע קינסטלער. אזא שריפטשטעלער ווי עמיל לודוויג האט אפגעשעצט געטהע'ן, נאפאלעאנ'ען און ביסמארק'ן.

פראנץ ווערפעל, וועלכער איז איצט איינער פון די פראמינענטסטע דייטשע שריפשטעלער, האט אנגעשריבען א בוך איבער דעם איטאליענישען קאמפאזיטאר ווערדי. — אונז האט זיך אויסגעוויזען, אז מיר האבען שוין אלעס געוואוסט וועגען ווערדי'ן. מיר האבען געוואוסט, אז ווערדי האט פארפאסט "אאידא", "טראוויאטא", "ריגאלעטא", און מיר האבען זיך אפט גערוויקט מיט די זיסע מעלאדיעס, אבער דורך ווערפעל'ס נייעם בוך באקומען מיר א גאנץ אנדערען בליק אויף דעם גרויסען קינסטלער. מיר קוקען איצט אויף ווערדי'ן מיט אויגען פון ליעבע. ווערפעל האט ארויסגענומען דעם מענש ווערדי און איהם דערנעהנטערט צו אונז. מען פיהלט, אז ווערפעל באוואונדערט דעם אמאליגען פויערים־זוהן ארגאניסט, וואס האט געשטרעבט צו זיין א גאט. — ווערפעל צייכענט בולט דעם מענש ווערדי און רייסט ניט ארונטער פון איהם די לעגענדע. — אט דאס איז געווים א גרויסער דיכטערישער אויפטו. — ביי אונז אין אונזער אייגענער אידישער וועלט, באמיהט מען זיך מיט אלע קרעפטען צו "ענטהילען" און ארונטערצורייסען די לעגענדע פון יעדען קינסטלער, מען ציהט איהם צוערשט אריין אין אפגרונד, און דערנאך ציינט מען אן אויף זיינע חסרונות, און אז עס געלינגט ניט צו צושטערען דעם מענש, דאן צושטערט מען די קונסט וועלכע ער שאפט. דער דייטש־אידישער קריטיקער אלפרעד קער דערלויבט זי צו שרייבען אויף דעם אדער אויף יענעם קינסטלער, אז ער ברענגט מיט זיך פייער, עפעס ווי א שאס פון א געוועהר. — ווען א אידישער קריטיקער זאל דאסזעלבע זאגען אויף א אידישען שוישפילער וואלט מען פרובירט זיינע ווערטער אפצולאכען. — דא לאכט איינער פון צווייטען, און אויף אזא אופן פארטרייבט מען מיט אייזערנע ריטער דעם יום־טוב געפיהל פון דער אידישער גאס.

מיר מוזען וויסען, אז אין דער קונסט איז פארט ניט פאראן אזא מין זאך ווי "באזשע־דוך". צו באשאפען א קונסט־ווערק מוזען זיין א פאראייניגונג פון קינסטלער וואס האט באמת טאלענט, און דעם פובליקום, וואס פארשטעהט און שעצט, און ווען אונזערע אייגענע "בעזבאזשניקעס" פארגיפטען די ברונען פון וועלכער מיר מוזען טרינקען איז קיין וואונדער ניט, ווען אזא גרויסער פיעלזייטיגער טעאטראל און מוזיקער ווי יוסף רומשינסקי, מוז אויף א שטילען און באשיידענעם אופן פייערען זיין 50 יאהריגען געבורטסטאג. אין אזא שטאדט, ווי וויען, מאכט מען מוזיקער ווי לעהאר, קאלמאן און די אנדערע, גרויסע פייערונגען לכבוד זייער געבורטסטאג, און ביי אונז קומט מען עס אפ מיט א באמערקונג, מיט א נאטיץ אין א צייטונג.

אידען קינסטלער זענען פאראן א סך, קונסט־הענדלער אידען צופיעל, נאר קיין בעלנים אויף אידישער קונסט צווישען אידען זענען נישטא. כאטש דער גרויסער עולם איז גלייכגילטיג האלט אבער אין איין אויסוואקסען א גאנצער בוים פון אידישע קינסטלער אויף וועלכע די אידישע קונסט וואלט געקאנט וואקסען אלס נאטירליכע פירות, ווען מיר אידען וואלטען זיך באצויגען צו אונזערע קינסטלער, ווי יעדעס געזונטע פאלק באציהט זיך צו איהרע.

* * *

יוסף רומשינסקי, דער באריהמטער [illegible] אלט געווארען. — דעם דאזיגען "סוד" האט אונז "פארטרויט" דער פרעזידענט פון חזנים פארבאנד, יעקב ראפאפארט, ביים חזנים קאנצערט אין מעקא טעמפעל, דעם ערשטען פעברואר 1931. —

מיר זאגען דעם דאזיגען סוד, ווייל זעהענדיג רומשינסקי'ן אין זיין טעאטער אלס דיריגענט, הערענדיג רומשינסקי'ס מעלאדיעס אין זיינע אפערעטען, און זיינע קאמפאזיציעס ביים חזנים קאנצערט, קען מען באקומען דעם איינדרוק, אז דער שאפער פון דער דאזיגער מוזיק איז נאך גאר יונג, ווייל פון זיינע טענער שפראצט מיט לוסט, מיט לעבען וואס רופען אייך צום קאמף פאר א שעהנערער און בעסערער וועלט.

וועגען רומשינסקי דעם מוזיקער, דעם דיריגענט, האבען שוין פיעלע שרייבער ארויסגעזאגט זייער מיינונג, און מיר אליין האבען שוין געגעבען א גרעסערע אפשעצונג וועגען זיינע שאפונגען פאר דער אידישער ביהנע. רומשינסקי איז אבער א מענש וואס פארמאגט עטליכע טאלאנטען. — ער שרייבט, און אפט לייענען מיר זיינע ארטיקלען מיט גרויסער שפאנונג. ער פארמאגט אן אמת'ן אידישען הומאר, און איז באקאנט אלס איינער פון די קלוגע טאקטיקער.

פאר די וואס קענען יוסף רומשינסקי פון ווייטענס איז גאר קיין ספק ניט אז ער איז א שטרענגער, פעסטגעזעצטער מענש, מיט א שטארקען און גוט־דורכגעטראכטען פראגראם. — אין אמת'ן אבער איז דער גרויסער קאמפאזיטאר אין זיין פריוואט לעבען, ווי א קליין קינד. ער איז הילפלאז, און ווערט בעאיינפלוסט פון זיינע ארומיגע "מענשעלעך". אפט פאלט רומשינסקי אריין אין א קינדערשער נאאיוויטעט, און דאס איז אפשר דער סוד פון זיין גרויסען טאלענט. ער האט אלע מעלות און אלע חסרונות פון א קינסטלער. ער ווערט "אויסגענוצט" פון כיטרע קאריעריסטען, וואס דערהויבען זיך דורך זיינע טענער ביז צום העכסטען שטאפעל פון לעבען.

ווען איהר קענט רומשינסקי'ן, דאן ווייסט איהר, אז זיין טאקט, זיין טאלענט און זיין שעפערישע טעטיגקייט זעהט איהר בלויז בעת ער האלט זיין צויבער־שטעקעלע און דיריגירט זיין ארקעסטער, אדער ביי זיין ארבייט אין זיין סטודיא, וואו ער שרייבט זיין מוזיק. דאס שעהנסטע וואס מען קען זאגען וועגען דעם "יונג־אלטען" קאמפאזיטאר איז, אז ער לעבט זיין ארקעסטער, ווי א פעלד־מארשאל זיין ארמיי. שוין באלד 30 יאהר ווי ער פיהרט אן זיין ארמיי אהן אן איבערייס און אהן אן ערמידונג.

געבוירען איז רומשינסקי אין ווילנא, און ער איז שטאלץ דארויף וואס ער איז געבוירען געווארען אין דער שטאדט וואו עס איז געבוירען געווארען אב. קאהאן, רעדאקטאר פון "פארווערטס". זיין ערשטען ערפאלג האט רומשינסקי געהאט מיט דער אפערעטע "שיר השירים", ליברעטא פון אנשעל שאר. דאן האט ער געשריבען צעהנדליגע אנדערע אפערעטען, ווי דעם "רבינ'ס ניגון", ליברעטא פון גרשם באדער, און "יאנקעלע", פון י. קאליך. דאס מוזיקאלישע פאך איז ביי איהם אן עבודה קדושה. ער באציהט זיך צו זיין דירעזשירען און קאמפאנירען מיט דעם שטארקסטען ערנסט. יעדען אקארד, יעדע פראגע און מוזיקאלישע קאמבינאציע, וואס ער שאפט פאר'ן ארקעסטער, וואלט ער געוואלט, אז יעדער איינער וואס הערט די מוזיק, זאל פיהלען דעם געזאנג און פאנטאזיע, וואס ער אליין פיהלט בעת ער שאפט די זאך.

"מוזיק־גריבלער" שטעלען אפט די פראגע, — איז פאראן אידישע מוזיק? — און מיר קענען ענטפערען מיט א באשטימטען — יא! עס פארשטעהט זיך, אז מיר אידען זענען צוזייעט און צושפרייט, און אין יעדען לאנד זינגען מיר אנדערש. דא אין אמעריקע רוכט זיך אונז זינגען גארניט אידען, און רומשינסקי באנוצט זיך דאריבער מיט די היימישע מעלאדיעס. מוזיק פונקט ווי די ליטעראטור ווערט בעאיינפלוסט פון אנדערע פעלקער. אידען אין ארץ ישראל זינגען, און מען גלויבט, אז זייער ליעד איז בעאיינפלוסט פון אראבער און טערקען, און זייערע מעלאדיעס זענען דאריבער זעהר אריענטאליש. עס מוז אבער געזאגט ווערען, אז דער דאזיגער פרעמדער איינפלוס שטערט ניט אידישע קינסטלער צו שאפען מיט אייגענע קרעפטען. מען זאגט, אז אפילו די מוזיק פון חזנות איז שטארק בעאיינפלוסט פון ניט אידישער מוזיק. עס קען אבער אויך זיין, אז די אלטע סינאגאגען־מוזיק איז אריין אין דער מוזיק פון דער קירכע. מיר ווייסען, אז אידישע מוזיק איז רייך אין ניואנסען, מאדולאציעס און הארמאניע.

רומשינסקי [illegible] מייסטער פון ארקעסטרירונג, און דאס באווייזט ער ניט נאר ביי דער ארקעסטרירונג פון זיינע אפערעטען, נאר ער האט עס באוויזען ביים לעצטען חזנים קאנצערט. ער האט צוזאמענגעשטעלט צוויי הונדערט געניטע און גוטע חזנים, וואס יעדער פון זיי איז א וועלט פאר זיך, און זיי פארוואנדעלט אין איין גרויסען כאר. דאס הייסט פשוט, אז ער האט גענומען "גענעראלען" און זיי געשיקט אין דער ערשטער "פייער ליניע". מיר ווייסען, אז א פעלד־מארשאל קען פיהרען א מלחמה מיט פראסטע סאלדאטען, צוזאמענצושטעלען אן "ארמיי" פון סאמע גענעראלען מוז מען זיין אן אונגעהייערע קראפט, און אזא מין גענעאלער מענש איז יוסף רומשינסקי.

"אידישע קונסט" — פארלאנגט מען פון אונזערע קינסטלער. זאלען נאר זיין אידען קינסטלער, און די אידישע קונסט וועט שוין במילא זיין!

אמאל איז געווען לייכטער צו שאפען ריין אידישע קונסט מיט טראדיציאנעלע אידען, וואס האבען געהאט אויך א געוויסע אייגענארטיגע אויסערליכע פיזיאנאמיע. דורך דער אויסערליכקייט האט זיך אפגעשפיגעלט א סך אינערליכקייט. ווי דער גדים קומט צו הילף דעם אידישען ביהנען־קינסטלער צו שאפען די ערשטע אילוזיע פון אידישען טיפ, פונקט אזוי העלפט דאס אלגעמיינע אידישע לעבען דעם מוזיקער צו שאפען ריין אידישע מוזיק. — אהן א אידישער אטמאספערע, אהן א אידיש־טראדיציאנעלען לעבען קען מען קיין אידישע מוזיק ניט שאפען.

אין א געוויסער הינזיכט איז איצט איבערהויפט פארווישט געווארען די ספעציפישקייט פון יעדער נאציאנאלער קולטור ביי אלע קינסטלער פון דער וועלט. אלע קונסטען — אחוץ די אריענטאלישע — האבען זיך כמעט ווי אויסגעמישט אין איין אייראפעאישען מאדערניזם, און אויף ווייפיעל דער פראנצויז, אמעריקאנער, ענגלענדער און דייטש קען שאפען נאציאנאל, אויף אזויפיעל קען אויך דער אידישער קינסטלער זיין נאציאנאל־אידיש, צי מיר ווילען צי ניט. ביי אלע פעלקער זעהען מיר, ווי די קינסטלער "נידערן" ארונטער צו די "קויפער". עס פארשטעהט זיך, אז די קינסטלער ליידען דאביי, אבער מיר אידען קענען ניט זיין קיין אויסנאהם. די אמעריקאנער אידען האבען א סך געשטערט די נאטירליכע קונסט־נייגונגען פון יוסף רומשינסקי'ן.

* * *

ווען איהר קומט אריין אין טעאטער און דערזעהט רומשינסקי'ן, ווי ער דירידזשירט זיין קליינעם ארקעסטער, מיט אזא קיט טעמפעראמענט און אזא ברייטען פארנעהם, ווי ער דירידזשירט ניט "גנבה־שעליעבע", דעם "רבינ'ס נגון", אדער "שולמית", נאר בעטהאווענ'ס 9־טע סימפאניע. זיינע אויגען בעת מעשה ווערען אנגעגאסען מיט א הייליג פייערל, און זיינע הענט ארבייטען מעשים. — אט דוכט זיך אייך, ווי ער ציהט ארונטער די זינגער פון דער ביהנע, אדער ער דערהויבט די מוזיקער צו די זינגער. זיינע הענט שוועבען אין דער לופטען, שניידען דעם טאקט, האקען אויס דעם ריטם, און גיבען דעם טעמפא. — מען שפירט גלייך, אז מוזיק, — געזאנג איז דער עיקר, און ווי "איינפאך", ווי פרימיטיוו, אדער ארעם די מוזיק זאל ניט זיין, פיהלט איהר אבער, אז דורך זיינע הענט, און דורך זיין צויבער־שטעקעלע ווערט אלץ פארשעהנערט, און אין אלץ בלאזט ער אריין א נשמה.

אפט באקום איך דעם איינדרוק, אז אזא פאכמאן ווי רומשינסקי וואלט זיך געווידמעט דער סימפאניע, וואלט ער זיכער געווארען איינער פון אונזערע בעסטע און גענאלסטע סימפאנישע דירידזשארען און קאפעלמייסטער. ער איז אבער א קינד פון אידישען טעאטער, אויך צוזאמען מיט אדלער'ן, קעסלער'ן און טאמאשעפסקי'ן האט ער געהאלפען בויען דעם בנין. ער האט זינגענדיג דערהויבען דאס אידישע טעאטער צו א מאדערנער אינסטיטוציע. א דאנק זיינע באמיהונגען איז די אידישע אפערעטע אריין אין דעם קונסט רינג פון אידישען טעאטער.

אנגעהויבען האט רומשינסקי אלס קינד, זינגענדיג אין דער ווילנער שוהל, וואו זיין אנקעל איז געווען א מגיד. ער האט דאריבער גע'ירשנ'ט דעם פונק פון דער אידישער נגינה פון זיין פאמיליע, און האט זי אריבערגעבראכט צום אידישען טעאטער. אלס 13 יעהריגעס אינגעל האט ער שוין דירידזשירט מיט כאר'ן. ער איז געווען איינער פון די ארגאניזאטארם פון דער מוזיקאלישער ארגאניזאציע "הזמיר" אין לאדז, פוילען, מיט וועלכע ער האט אנגעפיהרט גרויסע אראטאריעס אין העברעאיש, און ווען ער איז געקומען קיין אמעריקע איז ער גלייך אנערקענט געווארען אלס גרויסער מוזיקער און דיריגענט, אזוי אז כמעט אלע טעאטערס האבען זיך באמיהט איהם צו געווינען פאר זייער טעאטער, און איצט איז רומשינסקי א פירמע פאר זיך אליין. ער איז ניט נאר איצט באריהמט אלס קאמפאזיטאר פון פיעלע אידישע אפערעטען, נאר ער איז אויך באקאנט אלס קאמפאזיטאר פון פיעלע אידישע תפלות ווי: "אז ישיר", "שמע קולנו", "אל תירא" און אנדערע. דורך זיינע תפלות וועלען די חזנים אין אמעריקא פיעל געווינען, ווייל חזנות וועט זיך פשוט דערהויבען צו א קונסט, ווי מיר האבען עס געזעהען ביים חזנים קאנצערט אין מעקא טעמפעל דעם ערשטען פעברואר 1931.

(פארזעצונג אויף פיידזש 2)

גיט זיך א פענשאן!

$100 א חודש צו 60 יאר. אזוי לאנג ווי איר לעבט (גאראנטירט פאר 10 יאר, טויט אדער לעבעדיג) —

וועניגסטענס $10,000 פאר דער פאמיליע אין טויטטענפאל פאר 60 —

$20,000 אויב דער טויט קומט פון אן עקסידענט —

אויב אין גאנצען א קאליקע פאר 60, אן איינקונפט פון $100 מאנאטליך נאך פיער חדשים, די פארזיכערונג אין קראפט, רעגולערע דיווידענדס געצאלט, און איר דארפט ניט צאלען קיינע פרעמיומס ווי לאנג "דיס־אייבעלד".

דיווידענדען געצאלט איידער די פענסיע הויבט זיך אן, און פאר צען יאר שפעטער.

צו 60 יאר קען מען סעטלען לויט דעם אייגענעם אויסוואל.

דאס אויביגע איז איינע פון די פענסיע פאליסיס, וואס מען קען באקומען פון דער קאמפאניע. א פאליסי קען אראנזשירט ווערען צו צופאסען אייער נויט. אז איר אינוועסטירט אין לעבענס־פארזיכערונג, באזארגט איר איינקונפט פאר אייך און די פאמיליע, ווען איר דארפט עס אמנויטיגסטען, און איר ווייסט אז דער קרן איז אבסאלוט זיכער, אזוי גוט ווי דער אינטערעסט.

אונזערע פארטרעטער וועלען אייך מיט צופרידענהייט געבען פולע אינפארמאציע וועגען א פענשאן־פאליסי פאר אייך. אדער אויב איר ווילט, שרייבט אונטען אן אייער נאמען און אדרעס, און מעילט עס דירעקט צו אונזער הויפט אפיס פאר ליטעראטור.

Name ______________________

Address ______________________

• • •

THE
MUTUAL LIFE
ASSURANCE COMPANY
OF CANADA
HEAD OFFICE—WATERLOO, ONT.
Established 1869

טאראנטאר אפיסעס: קענעדע פערמאנענט בילדינג — פאן עלגין 5356; רומס 8־601 טאראנטא דיילי סטאר בילדינג, פאן עלגין 8374.

N2

LIBERTY Theatre
Dundas & Spadina

ליבערטי טעאטער
(דאנדעס און ספעדיינע עוועניו)

היינט און מארגען

ווערט איר געלאדען צו קומען זעהן דאס שעהנע בילד

„די ספוילערס"

מיט הערי גרין
אין דער טיטול ראלע

קומט זעהן דעם באליבטען „קיבעצער" אין א נייער ראלע.

Duchess Theatre
Dundas & Markham

Garden Theatre
College & Spadina

ענדליך איז אונז געלונגען צו באקומען דאס שעהנסטע בילד פון סעזאן. דער געשפרעך פון טאג. דאס בילד וואס יעדער איד, גרויס און קליין, מאן פרוי און קינד מוזען זעהן.

היינט, מארגען און דאנערשטאג,
וועט געוויזען ווערען אין ביידע טעאטערס.

אויפ'ן מערב פראנט קיין נייעס"

די טירען פון די טעאטערס וועלען געעפענט ווערען פונקט 6 א זייגער אווענט



גריינער און קא.

די איינציגע אידישע פייער אדזשאסטערס אין טאראנטא

די ראיעלסטע שיפסקאנטא־ האט געמופט אין

265 קווין וועסט

טעל. עדעלייד 4785.

געלט געשיקט אומעטום.
בירגער פאפירען.
געלט געליהען אויף מארטגיידזשעס.
איבערזעצונגען געמאכט אין אלע שפראכען.
איר ווערט געלאדען אין אונזער נייעם אפיס.

לערענט דעזיינינג !

אין א פראקטישע סקול פון דעזיינינג. וואס ווערט געפירט אונטער דער אויפזיכט פונ'ם באקאנטען אויטאריטעט אין דעזיינינג

סי. גאלאסקא

65 עוועניו ראוד. קינגסדייל 4237.

מארטגיידזשעס אויף 6 פראצענט

דייוו שער

מארטגיידזשעס געקויפט און געליהען

מיר גיבען עצות פריי.

301 סענטראל בילדינג
45 ריטשמאנד סט. וועסט

טעלעפאן
עלגין 7600.

יא--

מיר מאכען אלע סארטען פרינטינג

טעלעפאנירט גלייך אף
טריניטי 6830-6831
און מיר וועלען צושיקען אונזער פארטרעטער

„זשורנאל" פרעס
542 דאנדעס וועסט

STANDARD THEATRE

טעלעפאן טריניטי 4310.
א. עקסלער, דזשענעראל מענעדזשער. דזיש. יאנגמאן, קאמפאניע מענעדזשער

דער פאפולערער אידישער מיוזיקעל סטאר, דער "לייף־וויער" פון אידישען טעאטער

דזשוליוס נאטאנזאן

צוזאמען מיט
איזידאר מעלצער

היינט אווענט
ליידיס פריי

— און —

„דער גרינער מלמד"

פרייטאג אווענט, שבת מאטינע און אווענט

די לעצטע דריי פארשטעלונגען פון גאסט, עס ווערט אויפגעפיהרט

„דאס מיידל פון מיין הארץ"

צוזאמען מיט

איזידאר מעלצער, איזידאר קליין, איזידאר לעווינשטיין, בערנארד גיילינג, חיים טויבער, און משה דארף. — דזשין יאווילער, עני ערבער, עני סקולניק און פעני לעווינשטיין.

אפיס:
45 ריטשמאנד סט. וועסט
705 סענטראל בילדינג

אפיס טעלעפאן:
וויווערלי 2211
הויז טעלעפאן טריניטי 5418

לאיער ב. ווינבערג ב.א.

באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליק

געלט צו לייען אויף מארגיידזשעס.

מארגיידזשעס געקויפט.

לאיער א. ה. בראון

באריסטער. סאליסיטער. נאטערי פאבליק

394 בעי סטריט

טעלעפאן עדלייד 2544. רעזידענס הילקרעסט F 6146.

געלט געליען אויף מארגעדזשעס אויף 6 פראצענט.

טעלעפאן עדלייד 9768. הויז טעל. טריניט W 3195

לאיער דזשאזעף מ. גארדאן

באריסטער, סאליסיטאר, נאטארי פאבליק
האט געמופט זיין אפיס אין:

300A דאמיניאן בילדינג

465 בעי סטריט, ביי און אלבערט סטריטס

לאיערס דזש. דזש. גלעס און אי. פי. דיסלער

— פון —

גלעס, דיקלער און קא.
רום 501 דאמיניאן בילדינג, 465 בעי סט
אפיס טעלעפאן עלגין 5512.

אלגעמיינע, ציווילע און קרימינעלע לאו־פראקטיס.
געלט געליען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס.

לאיער ניומאן

אפיס: 4 ריטשמאנד סטריט איסט ELGIN 1305

רעזידענס 874 עוועניו ראוד. טעלעפאן הײלאנד 6840.

הענרי ס. ראזענבערג

און קאמפאני

באריסטערס, סאליסיטארס א. ז. וו.

702—703 פעדעראל בילדינג. 85 ריטשמאנד סטריט

טעלעפאנס: עדלייד 1387 — 1386. אווענטען: הײלענד 9415.

און אז איצט זענען פארבונדען מיט אים

הארייס ג. בריסטאן און לעאנארד ס. סמיט

ראטשטיין פוירניטשור קאמפאני

אנאנסירט גרויסע בארגיינס אין 1931

ספארטאן ראדיאס



לעצטע סטיילס, נייע אימ־ פרואוומענטס, וואונדערבא־ רע טענער, צו די ביליגסטע פרייזען.

קומט און זעהט דעם גרעס־ טען אויסוואהל פון די פאר־ שידענע מאדעלס.



10 פראצענט איינצאהלען
און $2 א וואך

שטעלט אריין א ראדיא אין אייער הויז

SPARTON RADIO

"Radio's Richest Voice"

די ספארטאן ראדיא איז פארעכענט פאר איינער פון די בעסטע ראדיאס מיט איר וואונדערבארען טאן און אויסזעהן. ווען איר קויפט א ספארטאן ראדיו קויפט איר דאס בעסטע.

דער קלוגער קויפער וועט זיך גלייך באנוצען מיט דעם אפער

ראטשטיין פוירניטשור קא.

569 קווין סטריט וועסט

טעלעפאן עדעלייד 4098 אפען ביז 10 אווענט

דרשה געשאנק פון חתנ'ס צד

אלע חתנים וואס קומען מיט זייערע מחותנים צו אונז רענטען טאקסידאס, קריגען א שעהנעם

דרשה געשאנק

און געדענקט אז ביי אונז באקומט איר צו רענטען נייע לייטעסט סטייל טאקסידאס בלויז פאר 2 דאלאר. אויך גאנצע אוטפיטס צו ביליגע פרייזען.

— פריימאן ברידער —
571 יאנג סטריט
טעלעפאן קינגסדייל 3270

אפען אווענטען.

LOEW'S

היינט און די גאנצע קומענדע וואך.

מערי דרעסלער
און פאלי מאראן
— אין —

„רידויסינג"

קינדער — 15 סענט צו יעדער צייט.

איבערראשענדע גוטע נייעס

מיר אפערען צום טאראנטאר אידישען עולם א ספעשעל פאר פסח סייל אויף

סוטס און ספרינג קאוטס

מיר האבען אריינבאקומען א נייעם סטאק מיט די לייטעסט ווארעס פון פארשידענע קאלירען.

טויזענטערליי ווארעס. פארשידענע שעהנע נייע סטיילס. ספעשעל פאר'ן פסח סייל בלויז

סוטס 29.50 מיט עקסטרא הויזען

אפען ביז 10 אווענט.

מ. גאלדבערג, 340 באטהורסט סטריט
טעלעפאן טריניטי 8389.

קאפלאן קאסטאם בראקער

חזן קאפלאן

איז א גאווערנמענט אויטאריזד קאסטאם בראקער. ווען איהר האט אזעלכע וואס עס דארף אדורכגעהן דורכ'ן קאסטאם הויז, אימפארט אדער עקספארט דאן ווענדעט זיך צו

מ. קאפלאן און זון

וואו מען וועט פאר אייך אלעס אטענדען. איהר קענט אויך באקומען פאליסים פאר לייף, אויטאמאביל, פלייט גלאס, און פייער אינשורענס, פון די בעסטע קאמפאניעס ווען איהר ווענדעט זיך צו

M. KAPLAN & SON
General Insurance Agents and Custom Brokers
55 YONGE ST. TEL. ELGIN 8156-7
Res. 47 Rose Park Dr. Hyland 1960

לעזט דעם „אידישען זשורנאל"

מרס. זאלצמאן אנאנסירט

ספעציעלע בארגיינס אויף

קראקערי, דישעס, אלערליי טשייני וועיר הארדוועיר, ניו־טעסט גאזאלין, אויל

פיינט, ווארניש און עלעקטריק סופלייס

און אלעס וואס עס איז נויטיג פאר אייער הויז.

• ספעציעלע מתנות פאר די, וועלכע קויפען ביי אונז ארטיקלען פאר ברידזשעס און שאורס.

• גיט אונז איצט אייערע ארדערס, און מיר וועלען צו אייך דעליווערען. באזוכט אונזער סטאר און באקענט זיך מיט די ווארעס און פרייזען.

608 דאנדעס וועסט

טעלעפאן טריניטי 8946 מיר דעליווערען איבעראל.

אפען יעדען אווענט ביז עלף א זייגער.



אונטערזוכט אייערע אויגען, און קריגט די ריכטיגע גלעזער. דער איינ־ ציגער ספעציאליסט, וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערנמענט אלס אפטאמעטריסט און אפטישען

דר. הענרי העררים

279 קאלעדזש סט.
(לעבען ספעדיינע)
אפען ביז 9 אוהר אין אווענט.

Dr. Henry Harris
EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. near Spadina
Open until 9 p. m.